№ 147 | פרייז 2 קאפ. | Lodzer Tageblatt.

לאדזער טאגעבלאט

אנאנסען-פרייז: א שורה פעטיט אין טעקסט 1.20 קאפ. אויף דריטע זייט 60 ק. לעצטע זייט 80 קאפ., גראטולאציאנען פערלאבונגען און הכנסת-אורחים-אנאנסען 1-טע זייט 1.50—לעצטע זייט 1 רובל. ניט אנגענומענע מאנוסקריפטען ווערען ניט צוריקגעשיקט. פאר'ן אינהאלט פון אנאנסען איז די רעדאקציע ניט פעראנטווארטליך.

רעדאקציע און אדמיניסטראציע
פעטריקויער 16, טעלעפאן 867.
פיליע אין ווארשוי:
ח. רייזנער, טווארדא 28, טעל. 17-63.

אבאנעמענטס-פרייז: אין רוסלאנד: א יאהר 8 רובל, א האלב יאהר 4 רובל, א פערטעל יאהר 2 רובל. א חודש 70 קאפ. אין אויסלאנד: א חודש 1 רובל 25 קאפ. איינצעלנע נומערן קאסט 15 ק. אדרעסע פון דער רעדאקציע און אדמיניסטראציע: Лодзь, Петроковская 16. אדרעסע פאר דעפעשען: Лодзь. Тагеблатъ

25 יוני 8 יולי 1914. | מיטוואך י"ד תמוז תרע"ד | זיבענטער יאהרגאנג

שולגינ'ס פראצעס אין דער צווייטער אינסטאנץ.

זיך אבגעזאגט אויסצופארשען מאקלאקאוו'ן, טשאפלינסקי'ן און זאמיסלאווסקי'ן.

קיעוו (ספעצ. צום „לאדז. טאג.") היינט, מיטוואך, הויבט זיך אן אין דער היגער סודעבנער פאלאטע דער אפעלאציאנס-פראצעס פון דעם רעדאקטאר פון „קיעוולאנין" און דומע-דעפוטאט שולגין, וועלכער איז ווי בעוואוסט דורכ'ן אקרוזשנאי סוד פער'משפט געווארען צו דריי חדשים טורמע פאר זיין ארטיקעל אין „קיעוולאנין" נעגען בייליס-פראצעס.

קיעוו (ספעצ. צום „לאדז. טאג.") דאס געריכט האט ענטזאגט די השתדלות פון שולגינ'ס פערטיידיגער, נאכאמאל אויסצופארשען די עדות אין דעם פראצעס, דעם בעוואוסטען אדוואקאט מאקלאקאוו, דעם געוועזענעם פראקורור פון קיעווער סודעבנע פאלאטע טשאפלינסקי און זאמיסלאווסקי'ן.

שולגין האט בעשלאסען נישט צו קומען אין געריכט.

קיעוו (ספעצ. צום „לאדז. טאג.") שולגינ'ס פראצעס, וואס הויבט זיך היינט אן אין דער סודעבנער פאלאטע האט ארויסגערופען א שטארקען אינטערעס צווישען אלע קרייזען פון דער געזעלשאפט. מען ערווארטעט, אז אויף דעם פראצעס וועלען ענטדעקט ווערען פיעל וויכטיגע איינצעלהייטען, וואס האבען א שייכות צום בייליס-פראצעס.

פערמשפט יודישע בוכבינדער

אומאן (ספעצ. צום „לאדז. טאג.") דורך א מסירה פון די סאיוזניקעס זענען איינינע היגע יודישע בוכבינדער פער'משפט געווארען צו 20 רובל שטראף פאר פערקויפען קריסטליכע צלמים.

ענטדעקט א באנדע אייזענבאהן-רויבער.

כארקאוו (פ.) ס'איז ענטדעקט געווארען א באנדע אייזענבאהן-רויבער, וועלכע האט געהאט איהר נעסט אויף דער סטאנציע סוגעליקאווא, 5 זענען ארעסטירט געווארען, איינער איז דער'הרג'עט געווארען און איינער איז אנטלאפען. זיי ווערען בעשולדיגט אין א גאנצע רייהע רויב-אנפאלען.

פינף ארבייטער אומגעקומען דורכ'ן עלעקטרישען שטראם.

פאסטדאם (ספ.) נישט ווייט פון דאנען ביים גוט בורנעם האט געטראפען א שרעקליך אומגליק. אין מיטען וועג האט זיך איבערגעריסען אן עלעקטרישער דראהט. אויפ'ן וועג זענען גע-גאנגען פונקט 10 ארבייטער און איינעם פון זיי איז איינגעפאלען אזא נארישער געדאנק צו לאזען זיך עלעקטריזירען. באלד האבען זיי געבילדעט פון זיך א קייט און דער ערשטער האט גענומען די דראהט אין דער האנד אריין. דער גאנצער שטארקער שטראם פון 500 וואלט האט זיך באלד אלאז געטהון איבער זיי און זיי זענען אלע געפאלען טויט צו דר'ערד. די מענשען וואס האבען דאס בעמערקט האבען באלד גערופען נאך הילף. עס איז אנגעקומען א דאקטאר, וועלכער האט קוים 5 פון זיי אפגעראטעוועט און די אנדערע 5 זענען טויט. פון די 5 וואס לעבען האבען צוויי פון זיי בעקומען זעהר געפערליכע וואונדען און די איבעריגע דריי שוין לייכטערע.

אין אלבאניע.

א נייער קאנדידאט אויפ'ן אלבאנישען טהראן.

רוים (ספ.) די צייטונג „טריבונא" מעלדעט, אז בורהאן עדין, דער זוהן פונ'ם עקס-סולטאן אבדול-האמיד האט איינגעשטימט ארויסצושטעלען זיין קאנדידאטור אויפ'ן אלבאנישען טהראן.

"א לעבעדיגער מת".

רוים (ספ.) די צייטונג „סעקאלא" טהיילט מיט, אז די אלבאנישע נאציאנאליסטען האבען שוין איינגאנצען פערלוירען דעם צוטרוי צום פירשט וויד. זיי רופען איהם עפענטליך „לעבעדיגער מת".

די מלוכות זאגען אב.

רוים (ספ.) אלע מלוכות, אויסער עסטרייך און איטאליען, וועלען ניט איינגעהן אויף דעם, אז מען זאל שיקען דעם פירשט וויד א מיליטערישע און פינאנציעלע שטיצע, וועגען וואס דער פירשט האלט אין איין בעטען.

די קריטישע לאגע.

דוראצא (פ.) אין שטאדט קומען ווייטער פאר רויבערייען. פון וואלאנא טהיילט מען מיט, אז די שטאדט איז אין גאנצען אבגעריסען פון דער וועלט. וועגען גורל פון די געפאנגענע פראנצויזען הערט מען נארניט.

סופראזשיסטקעס.

לאנדאן (פ.) דער קעניג מיט דער קעניגין זענען אנגעקומען קיין עדענבורג. בעת דאס קעניגליכע פאר איז געפאהרען פון וואקזאל אין פאלאץ אריין, האט א סופראזשיסטקע אריינגעווארפען אין דער קארעטע א פעקעל מיט סופראזשיסטישער ליטעראטור און א פאפירענעם קוגעל מיט דער אויפשריפט: „פרויען ווערען אונטערדריקט".

דער בעלגישער קעניג אין דער שווייץ.

בערן (פ.) אויפ'ן וועג פון מאנטרע איז געקומען דער בעלגישער קעניג, כדי צו בעזוכען דעם שווייצארישען בונדעסראט. דער קעניג איז אויפגענומען געווארען מיט גרויס פאראד.

דאס נייעסטע פון טאג.

פאריז (פ') ביים בעטראכטען די פראגע וועגען אסיגנירען 40,000 פראנק אויף די הוצאות פון פואנקארעס רייזע קיין רוסלאנד, שוועדען, דענעמארק און נארוועגען, איז דער סאציאליסטישער דעפוטאט זשארעס ארויסגעטרעטען געגען דער אסיגנירונג ערקלערענדיג, אז כאטש די פראנצויזישע סאציאליסטען אנערקענען די היסטארישע בעדייטונג פון דעם פראנצויזיש-רוסישען פערבאנד וועלען זיי אבער ניט דערלאזען, אז מען זאל בעת דער רייזע מאכען אין נאמען פון פראנקרייך א וועלכען ס'איז געהיימען אפמאך מיט איינער פון די מלוכות. אויסער דעם רעכענען זיי, אז די איצטיגע גאסור. דומע האט ניט פאר זיי די גוטיגע גאראנטיעס.

דער פרעמיער-מיניסטער וויוויאני האט אבגעענטפערט זשארעס'ען און קאטעגאריש ערקלערט, אז קיין שום אבמאכונגען וועגען דער אינערליכען פאליטיק פון פראנקרייך קאנען ניט אנגענומען ווערען.

לעצטע לאדזער נייעס.

פערברענט געווארען.

(ג) נעכטען ארום 8 א זייגער אין דערפריה האט אויף רזשגאווסקא 2 דעם סטרוזש'ס 9 יעהריגע מעדעל מאריאנא קמיעטשאק פייער געמאכט אין קיך, דערביי איז זי פון אונפארזיכטיגקייט בעגאסען געווארען מיט נאפט און האט אנגעהויבען צו ברענען. אין איין מאמענט איז זי פערוואנדעלט געווארען אין א פייער-זייל און איז געפאלען א האלב-טויטע אויף דער ערד. די ארויסגערופענע פאגאטאוויע האט זי אין א גוסס'דיגען צושטאנד אבגעפיהרט אין שפיטאל. איהר לעבען איז אין געפאהר.

וועגען אנ'אלגעמיינע ארבייטער קראנקען-קאסע.

נעכטען אין אווענד איז אין לאקאל פון פאבריקס-מייסטער-פעראיין (נייער-רינג 6) אונטערן פארזיץ פון פאבריקס-אינספעקטאר פון פיערטען רעוויר ה' קריניצקי, פארגעקומען א פערזאמלונג פון די פאבריקאנטען, אויף וועלכער ס'איז בעטראכט געווארען די פראגע וועגען גרינדען אנ'אלגעמיינע ארבייטער-קראנקען-קאסע. אויספיהרליכער מארגען.

א רעטזעלהאפטער נקמה-אקט

(ג) פארגעסטערן בייטאג האבען אומבעקאנטע אויף נאווראט-גאס № 63 אויפגעבראכען עווגעני ראמיש'ס וואוינונג און דארט געמאכט א פאלשטענדיגען פאגראם. אזוי האבען זיי צוריסען דאס בעטגעוואנד און די קליידער, צובראכען די בילדער, אראבגעריסען די גארדינען א. ד. ג. די צוריסענע זאכען האבען זיי דערנאך בעגאסען מיט וויטריאל. די פאליציי זוכט ענערגיש די רעטזעלהאפטע פערברעכער.

— (ג) דעם 15-טען יולי נ. ס. וועט אין איינענעם לאקאל פון דער „גמילות חסדים-קאסע אויף שייבלער'ס מארק" פארקומען אנ'אויסערגעוועהנליכע פערזאמלונג פון די מיטגלידער פון דער קאסע.

— (ג) דעם 28-טען יולי וועט אין מאגיסטראט פארקומען א ליציטאציע וועגען איבערנעהמען אויף דריי יאהר אין ארענדע די מלעטשארניע אין שטאדט-פארק אויף דזעלנא גאס.

— (ג) די פעטריקאווער גובערנסקע בוי-טעכנישע קאמיסיע האט ערלויבט דער פירמע יודעל סלאנאווסקי און ב. פאלאקאוו אויסצובויען אויף לעשנא 8 א מעכאנישע שפינעריי מיט אלע נויטיגע איינריכטונגען און א דריי-שטאקיגע מעכאנישע וועבעריי.—די זעלבע קאמיסיע האט ערלויבט לייזער צינאמאן אויסצובויען אויף שרעדניא גאס 39 א פיער-שטאקיג פראנט-הויז מיט אפיציגעס.

Dr. med. H. Rożaner
ד"ר מעד. ה. ראזשאנער
ביז'ן 30 יולי ציגעגעל-שטר. 4 טעל. 38-31
פון 30-טען יולי קרוטקא № 9
ג. אסיסט. פון דער בערלינער קליניק. ספעציאל-ארצט פיר הויט און ווענערישע קראנקהייטען. נייעסטע מעטאדען צור היילונג פון כראנישען טריפער (נאך פראנק) און סיפיליס (קאמביניערטע בעהאנדלונג) מענער-שוואכע, בעלייכטונג פון הארן-קאנאל. היילונג פון האר-אויספאלען. שפרעכשטונדען פון 8—12½ און 4—8½ נאכמ.

ווארנונג
1 5820
מיין אנגעשטעלטער מארקוס גאלעק איזט פון היינטע ענטלאססען, אונד איך ווארנע מיינע געעהרטע קונדשאפט דעמזעלבען קיינע צאהלונגען פיר מיינע פירמא צו לעסטען.
ל. ליוושיץ, פאלודניאווא 89 בוימוואלע נידערלאגע.

צו דער האכצייט פון מיינע פריינד:
פרל. סאלאמע צעמבערקעוויטש—קעלץ
מיט ה' לאזאר טשארנעס—סובאלק,
וועלכע איז פארגעקומען אין ווארשוי, ווינש איך פיעל גליק
פ. בימקא.

הויכע געמויערטע קעלער
געוועלבט מיט געפלאסטערטע שטיין-פאדלאגעס, אויף וואונש אויך מיט עלעקטרישע בעלייכטונג זענען פער זאפארט צו פערמיעטען. פעטריקויער שטר. 16, צו ערפאהרען ביים ווירט.

קאלישער שטיקעריען
אויפ'ן פונט, ווי אויך אבשניטע, זענען צו בעקומען צו שפאט-ביליגע פרייזען.
1 וואלטשאנסקא שטר. 43, וואהנ. 39.

עסטרייך-סערבישער קאנפליקט צוליעב דעם אטענטאט.

די מיינונג פון גראף בערכטאלד וועגען דער לאגע.

דער עסטרייך-סערבישער קאנפליקט.

ווין (ספ.) דאס בעלגראדער בלאט „אדריעק" שרייבט: לויט דער מיטטהיילונג פון וויענער קארעספאנדענץ-ביורא, אז די סערבישע רעגירונג האט צוגעשטימט, צו ערלויבען אנ'עסטרייכישען פאליציי-קאמיסאר צו מאכען אויספארשונגען וועגען א מענטאט אויפ'ן סערבישען געביעט. דאס בלאט ערקלערט אבער דערצו, אז עס קאן נישט גלויבען, אז בעלגראד זאל איבערלעבען דעם סקאנדאל און די שאנדע דערמיט וואס וועט אויסגעפארשט ווערען פון עסטרייכישע פאליציי. די צייטונג „באלקאן" שרייבט: דער דאזיגער קלאנג איז אזוי אונזיניג פונקט א שטייגער ווי מען וואלט זאגען, אז עסטרייך וועט עפים צוליעב א זאך געשטעלט ווערען אונטער אינטערנאציאנאלער קאנטראל. פאר עסטרייכישע בעאמטע און סאלדאטען איז אין סערביען פארהאן נאר איין קבלת-פנים: „מיט די שפיצען פון די פיקעס!".

סערבישע חוצפה.

ווין (ספ.) די קאמפאניע, וואס עס פיהרט די סערבישע פרעסע איז פול מיט געמיינהייט און נידערטרעכטיגקייט. אויף וואס פאר א קולטור-שטופע די דאזיגע צייטונגען שטעהען, קען דיענען דער פאקט, וואס אנ'„ערשטע ראנגיגע" צייטונג שעמט זיך נישט צו שרייבען, אז „דאס לעבען פון איין סערבישען סאלדאט ביי קומאנאווא אדער ביי ברעגאלניץ איז פיעל טייערער ווי דאס לעבען פון 100 ערצהערצאגען."

ווייטערדיגע ארעסטען.

סאראיעווא (ספ.) ביז איצט האט מען פערהערט 500 סערבען, וועלכע זענען פערדעכטיג צו האבען אנטהייל גענומען אין מארד דירעקט צי אונדירעקט. 10 פון זיי האט מען ארעסטירט, אויסערדעם האט מען ארעסטירט נאך 5 סערבישע גייסטליכע און א סוחר מיט'ן נאמען יאוואנאוויטש.

געפונען באמבעס.

ווין (ספ.) אין סאראיעוואער שטאדט-מוזעאום האט מען געפונען בעהאלטען 30 באמבעס. דער ערצהערצאג האט געזאלט בעזוכען אויך דאס מוזעאום. אין צוזאמענהאנג מיט דער ענטדעקונג האט מען ארעסטירט 20 סערבען.

א מיניסטארען-בעראטונג.

ווין (ספ.) נעכטען 11 א זייגער פארמיטאג איז פארגעקומען א מיניסטארען - קאנפערענץ. דער הויפט-פונקט פון דער בעראטונג איז געווען דער פראיעקט וועגען א דיפלאמאטישע מהעטיגקייט אין בעלגראד, וועלכע זאל זיך אנהויבען תיכף נאכדעם ווי עס וועט זיך ענדיגען די אויספארשונג אויפ'ן עסטרייכישען געביעט. ווי מען זאגט איז בעשלאסען געווארען צו פאדערען פון סערביען נישט בלויז, אז זי זאל ערלויבען אויסצופארשען די שולדיגע אין סערביען, נאר אויך אליין ארויסצוגעבען אלע שולדיגע סערבען און אויך אנצונעהמען שטרענגע מיטלען געגען דער סערבישער אגיטאציע אין זין פון א גרויס-סערביען, עסטרייך איז יעדען מאמענט גרייט מיט זיין גאנצער קראפט אונטערצושטיצען די דאזיגע פאדערונגען.

פראטעסטען געגען דער אנטי-סערבישער קאמפאניע.

פראג (ספ.) די טשעכען האבען אבגעהאלטען א פערזאמלונג, אויף וועלכער ס'איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע, אז די סלאוויאנער און כארוואטען בעטראכטען זיך אויף ווייטער פאר ברידער פון די סערבען און טרעטען שארף ארויס געגען דער איצטיגער קאמפאניע געגען סערביען.

די סערבען באיקאטירען אויך...

בעלגראד (ספ.) די סערבישע קויפמאנשאפט האט בעשלאסען, צוליעב די סאראיעווער געשעהענישען, צו ערקלערען א באיקאט אויף די עסטרייכישע סחורות...

רוסלאנד און עסטרייך.

פעטערבורג (ספ.) די צייטונג „פעטערבורגסקי קוריער" מעלדעט, אז צוליעב די לעצטע געשעהענישען אין עסטרייך, איז צו ערווארטען, אז אין גיכען וועט אבגעהאלטען ווערען א קאנפערענץ צווישען די פארשטעהער פון רוסלאנד און עסטרייך. עס קומען שוין זאגאר פאר אונטערהאנדלונגען צווישען ביידע מלוכות, וועלכע האבען דעם ציעל נעגוי פעסטצושטעלען און צו בעלייכטען די סאראיעווער געשעהענישען.

(אנמ. פון ד. רעד. די דאזיגע ידיעה ברענגען מיר אויף דער פעראנטווארטליכקייט פון דער דערמאהנטער צייטונג.)

גראף בערכטאלד וועגען עסטרייך-סערבישען סכסוך.

לאנדאן (ספ.) א קארעספאנדענט פון „דיילי מייל" האט געהאט א אינטערעסאנטען געשפרעך מיט'ן עסטרייכישען אויסערן-מיניסטער גראף בערכטאלד וועגען דער עסטרייך-סערבישער פאליטיק.

גראף בערכטאלד האט זיך וועגען דעם ארויסגעזאגט פאלגענדעס:

— די שפאנונג צווישען עסטרייך און סערביען האט שוין לאנג ארויסגערופען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון די עסטרייכישע פאליטיקער. די שפאנונג האט זיך אנגעהויבען באלד נאך דער ערמארדונג פון קעניג אלעקסאנדער און די קעניגין דראגא. א פערברעכערישע אגיטאציע פיהרט זיך שוין לאנג אין סערביען געגען עסטרייך און א פאלגע פון דער דאזיגער אגיטאציע איז אויך געווען דער לעצטער מארד פון ערצהערצאג מיט זיין פרוי.

אויף דער פראגע פון קארעספאנדענט, צי עסטרייך וועט איצט ענדערען איהר „אויסען-פאליטיק" האט דער גראף בערכטאלד געענטפערט, אז נישט.

ווייטער האט דער קארעספאנדענט איהם געפרעגט וועגען אלבאניען און דער גראף האט איהם איבערגעגעבען, אז איצט ווערט בעהאנדעלט אין די קאבינעטען פון די אייראפעאישע רעגירונגען עסטרייכ'ס פראיעקט וועגען גרינדען א פעסטע אלבאנישע מיליץ-בריגאדע.

זאגרעב (פ.) ביים פארלייענען אין סיים דעם פראטאקאל פון דער פריהערדיגער זיצונג זענען פארגעקומען שטורמישע סצענעס. פראנק'ס פארטיי האט פיעל מאל איבערגעריסען דאס לייענען דעם פראטאקאל מיט אויסגעשרייען, אז דער פראטאקאל בעפרידיגט נישט. פראנק האט געפאדערט, אז מ'זאל אריינטראגען אין פראטאקאל די ציטאטע פון סערבישען אפיציר באשקאוויטש'ס בראשורע, וואס איז געלייענט געווארען אויף דער פאריגער זיצונג דורך א כארוואט, דער פארזיצענדער איז געגען. ס'ווערט א גרויסער טומעל, אויף דער אדרעס פון פארזיצענדען דערהערען זיך אויסגעשרייען: „איהר זענט אויך מערדער, ווייל איהר זענט פערמישט אין פעררעט אויף פראנק'ס לעבען! דער פארזיצענדער רייסט איבער די זיצונג.

ווען די זיצונג ווערט ווידער געעפענט, דערהערען זיך אויסגעשרייען פון פראנק'ס פארטיי: „שווינדלער, באנדיטען, פרינציפ'ס חברים!".

ס'ווערט פארגעלעגט אויסצושליסען איינינע דעפוטאטען פון סיים. דער פארשלאג ווערט אנגענומען. צוליעב די שטורמישע סצענען האט דער וויצע-פארזיצענדער פערמאכט די זיצונג.

שולגינ'ס פּראָצעס.

(פון אונזער קיעווער קאָרעספּאָנדענט).

הײַנט דעם 25 יוני קומט פאָר אין קיעווער סודעבנער פּאַלאַטע דער אַפּע-ליאַציאָנס-פּראָצעס פון רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „קיעוולײַאַנין" און דומע-דעפּוטאַט וו. וו. שולגין, וועלכער איז דורכ'ן קיעווער אָקרוזשנאַי סוד פער-משפּט געוואָרען צו 3 חדשים טורמע פאַר זײַן בעוואוסטען אַרטיקעל געגען בײַליס-פּראָצעס.

צוליעב דעם, וואָס אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן שולגין-פּראָצעס קענען ענטדעקט ווערען גאַנץ נײַע און וויכטיגע בעווײַזען, וואָס האָבען אַ אונדירעקטע שייכות צום בײַליס-פּראָצעס, גאַנץ בעזונדערס צו דעם יושטשינסקי-מאָרד, געפין איך פאַר נויטיג איבערצוגעבען די לעזער די פּרטים, ווי אַזוי ס'איז ענטשטאַנען דער פּראָצעס און וואָס ער האָט אונז געגעבען.

דאָס איז געווען דעם 27 סעפּטעמ-בער 1913 און דעם 20 יאַנואַר 1914.

דעם 27-טען סעפּטעמבער איז אין „קיעוולײַאַנין" אָפּגעדרוקט געוואָרען דאָס בעריהמטע אַרטיקעל געגען בײַליס-פּראָצעס און דעם 20-טען יאַנואַר איז שולגין אַרויסגעזעצט געוואָרען אויף די געשולדיגונגס-באַנק. שולגין איז בע-שולדיגט געוואָרען, אַז אין דעם אַרטי-קעל פון 27-טען סעפּטעמבער האָט ער פערשפּרייט פאַלשע ידיעות וועגען דער טעטיגקייט פון פּראָקוראָר פון קיעווער סודעבנער פּאַלאַטע, טשאַפּלינסקי, וועל-כער האָט, נישט רעכענענדיג זיך מיט די בעווײַזען וועגען בײַליס'עס אונשולד, געפיהרט די אויספאָרשונג אויף אַ טענ-דענציעזען וועג און בעזונדערס פון דער אויספאָרשונג די צווײַ געוועזענע נאַ-טשאַלניקעס פון דער קיעווער „אָכראַנע" מישטשוק און קראַסאָווסקי, ווײַל זיי האָבען אָנגעוויזען, אַז דער יושטשינסקי-מאָרד איז נישט קײַן ריטואַל-מאָרד.

נישט ווילענדיג דערמאָהנט מען זיך אין דער ערקלערונג, וואָס שולגין האָט געגעבען אויף זײַן פּראָצעס דעם 20 יאַנואַר 1914. ווי שולגין האָט געזאָגט, האָט די ערשײַנונג פון דעם אַרטיקעל אין „קיעוולײַאַנין" איהר גרויסע גע-שיכטע, איהר גרויסע פאָרבערײַטונגס-פּראָצעס. דאָס ערשײַנען פון אַזאַ שאַר-פען אַרטיקעל אין „קיעוולײַאַנין" — אַ צײַטונג, וועלכע איז פרײַנדליך צו דער רעגירונג און אַכטעט זעהר דאָס גע-ריכט — האָט געקענט אַרויסגערופען ווע-רען נור דורך גאַנץ בעזונדערע וויכטיגע אומשטענדען. און אַט די אויסערגע-וועהנליך וויכטיגע אומשטענדען האָט דערצעהלט דער יורש פון רעכטען ד. י. פּיכנאָ, וועלכער איז אונצופריעדען געווען מיט'ן קאָנסערוואַטיווען פּראָקו-ראָר טשאַפּלינסקי.

ס'איז פאַרהאַן אַן'אמת, וועלכען מען קאָן נישט אויסטראַכטען,—האָט געזאָגט שולגין.

און אין דעם אמת האָט שולגין גע-גלויבט. ער האָט געגלויבט, אַז די „ריטואַל"-בעשולדיגונג — דאָס איז אַ נידערטרעכטיגע רכילות אויף אַ גאַנצע נאַציע, אויף אַ גאַנץ פאָלק. און ווי אַי-בערצײַגענד זענען זײַנע ווערטער געווען.

— אײַער פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ, — האָט שולגין געזאָגט צום פּרעזידענט, — וועלכער האָט איהם איבערגעשלאָגען,— מעגליך איז, אַז די עדות וועלען איצט דאָס נישט בעשטעטיגען. נור איך ווייס, איך גלויב, אַז ווען עס איז וועט דאָס אַלץ, וואָס איך האָב געשריבען בע-שטעטיגט ווערען און ס'וועלען איבער-הויפּט זיך אַרויסשטעלען די אומשטע-נדען און דאָס גאַנצע בילד פון דעם אונערהערטען פּראָצעס.

איבער אַ שעה האָט געדויערט שול-גינ'ס ערקלערונגען אין געריכט. און אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט, איז געווען שטאַרק איבערצײַגענד.

שולגין איז פערמשפּט געוואָרען צו 3 חדשים טורמע פאַר זײַן פּראָטעסט-אַרטיקעל. ער האָט זיך אָבער נישט געוואָלט אונטערגעבען און האָט דער-לאַנגט אַנ'אַפּעליאַציע אויפ'ן פּסק-דין פון אָקרוזשנאַי-סוד.

אויף דער הײַנטיגער פערהאַנדלונג פון פּראָצעס ווערען ערוואַרטעט נײַע ענטדעקונגען פון דעם, וועלכער ווײַסט די גאַנצע געשיכטע וועגען דעם גרויסען פּראָצעס, וועלכער האָט אַרויסגערופען אַזאַ טומעל אויף דער גאַנצער וועלט, צווישען אַלע שיכטען פון דער געזעל-שאַפט.

ס'איז דעריבער נישט קײַן וואונדער, וואָס דער הײַנטיגער פּראָצעס פון וו. וו. שולגין רופט אַרויס אַזאַ גרויסען אינ-טערעס צווישען די בריטעסטע קרײַזען פון דער געזעלשאַפט.

אַ גאַנץ בעזונדערע אינטערעסאַנטע שפּאַנונג הערשט צווישען די קיעווער יודען, וועלכע האָבען אין די גרויסע טעג פון בײַליס-פּראָצעס איבערגעלעבט אַזוי פיעל טויטע לײַדען און שרעק.

קיעוו. י. גימלין.

שרעקליכע וואַלד-שרפות.

וויטעבסק (פ.) די וואַלד-שרפה נעהמט אָן אַ סטיכישען כאַראַקטער, ס'ברענען דער וואַלד, די פערמעס, די פעלדער אויף אַ שטח פון 1000 דיעסאַטינען.

אַרכאַנגעלסק (פ.) די וואַלד-שרפה בײַ דעם סײַך לאַי פערשטאַרקט זיך וואָס אַמאָל אַלץ מעהר, צוליעב דער גרויסער היץ קאָן מען נישט צו-קומען צום וואַלד און לעשען.

פראַנץ-יאָזעפ'ס רייזע.

ווין הײַנט אין דער פריה איז דער קייזער פראַנץ-יאָזעף אַרויסגעפאָהרען קײַן אישל.

בלעטלאַד.

רבנים-וואַהלען.

אין אונזער יודיש וועלטיל קאָכט זיך איצט מיט—רבנים-וואַהלען.

אַ פײַער ברענט פון ראַדאָם ביז בענ-דין. פעטש פליהען, אז עס פינקעלט אויש פאַר די אויגען. קוריער'ן לויפען אין די „גובערניעס" אַרײַן מיט מסירות, עס איז „ליהודים".

נישט פון נעכטען איז דאָס שפּיעל און נישט נאָר נאָך הײַנט וועט עס גע-דויערען. שוין העכער אַ יאָהר ווי דאָס שפּיעל קומט פאָר. אַ שפּיעל וואָס מאַכט חרוב יודישע קהלות און איז מחלל כבוד ישראל.

און עפּיס נעהט עס ווי אויף צו להכעיס, וועהלט ראַדאָם דעם קישינע-ווער רב פּה אחת, קומען עטליכע מוסרים און סטראַשען איהם אַפּ דאָס רעבען, דערשרעקט ער זיך און וויל נישט מעהר קומען קײַן ראַדאָם.

מישט זיך אַרײַן דער גובערנאַטאָר אין דער זאַך און בעשטימט דערווײַל עפּעם אַ יונגערמאַן.

מײַנט שוין ראַדאָם, אַז עס איז שוין פערשפּיעלט, אז קײַן וואַהלען וועלען שוין קײַנמאָל נישט זײַן, קוים מיט צרות זיך דערשלאָגען, אז עס זאָלען יאָ זײַן וואַהלען.

וועהלט מען—קומט אַרויס דער זאַווי-יערצער רב מיט אַ גרויסער מעהרהײַט, איז די גאַנצע שטאָדט צופריעדען קומט אָבער באַלד צומאָרגענס דער גובערנאַ-טאָר און איז מבטל די וואַהלען.

עס דאַרף זײַן—זאָגט ער—אַ העלפט פון דער אַלגעמײַנער צאָהל שטימען— עס פעהלט נאָך 38 שטימען.

וועט מען איצט דעריבער אין ראַדאָם געהן אַ דריטען מאָל וואַהלען.

ערגער אָבער איז אין בענדין.

דאָרט געהט עס צו מיט דער גאַנצער מאָדערנער טעכניק, מיט אַ גאַנצע אָר-גאַניזירטע פּרעסע פאַר בײדע צדדים, מיט פײַער און מײַ... דינאַמיט.

דאָרט זענען פאַרהאַן אָנהענגער פון דעם פערשטאָרבענעם רב'ס זוהן, און אָנהענגער פון ווישעגראָדער רב (דעם סאָכאַטשאָווער רבי'ס אַנ'אײַניקעל) פער-שטעהט זיך, אז די גאַנצע שטאָדט וויל נאַטירליך דעם רב'ס זוהן, וועלכער איז דער יורש און וועלכער איז אויך ראוי ממלא מקומו צו זײַן, דאָ אָבער האָבען די סאָכאַטשאָווער חסידים זיך פער-עקשנ'ט, נײַן זיי ווילען ר' דוד'לען, (דעם ווישעגראָדער רב).

איז שוין פערגעקומען אײַן מאָל וואַה-לען, איז געוועהלט געוואָרען דעם פער-שטאָרבענעם רב'ס זוהן ה' גראַפאַרד, האָט מען דערלאַנגט אַ מסירה'לע וואו מען דאַרף, אז דער יונגער רב איז אין יענע צײַטען געווען נישט אין גאַנצען רײַן פון פּאָליטישע חטאים. איז דאָס געוויס געווען, האָט מען די וואַהלען סקאַסירט.

זענען דעם מאָנטאַג ווידער פאָרגע-קומען נײַע וואַהלען, און עס איז וויע-דער געוועהלט געוואָרען דעם פער-שטאָרבענעם רב'ס זוהן.

מילא, גענוי וואָס עס טהוט זיך איצט אַב אין בענדין, איז מיר נים בעוואוסט ; נאָר פאַר די וואַהלען האָט זיך אָפּגע-טהון חושך, פעטש, קריגערײַען, מסירות און חלול-השם.

נאָר אַזוי ווי מען האָט דאָרט גע-קעמפּט לויט דעם לעצטען וואָרט פון דער טעכניק, האָבען די חסידים אויך בענוצט זיך מיט —

— באָמבעס.

— האַלטסו פאַר ר' דוד'לען איז גוט, אלא נישט—אַ באָמבע.

ווי מען שרײַבט דעם „מאָמענט" איז שבת צו נאַכט פאַרגעקומען אַ דינאַמיט-אויפרײַס נעבען הויז פון בעקאַנטען כלל-טהוער ה' משה ראָזענבלום, וועל-כער איז פאַר דער קאַנדידאַטור פון ר' יקותיאל זלמן גרויבאַרד, דער אויפרײַס איז גליקליכער ווײַזע אריבער בשלום, בלויז די שויבען פון הויז זענען אויס-געהאַקט געוואָרען—די פּאָליציי האָט אַרעסטירט אַ געוויסען בצלאל קופערמאַן מיט זײַן פרוי ווי אויך אַ יונגענמאַן מיט'ן נאָמען פישל, אַלע דרײַ פון ווי-שעגראָדער צד, קופערמאַנ'ען האָט מען אַרויסגעלאָזט נאָר זײַן פרוי און דעם פישל'ען האַלט מען אַרעסטירט.

אַט וואָס! — בענדין האָט שוין אי-בערגעיאָגט אויך לאָדז, מילא בײַ אונז איז אויך נישט געווען שטיל ווי אויף אַ בית-עולם, נאָר מיט דער נײַעסטער טעכניק האָט מען זיך אַלענפאַלס נישט בענוצט, באָמבעס האָט מען נים געוואָרפען.

איצט אָבער איז געקומען אַ נײַע צײַט, עס ווערט רעכט געפעהרליך :

אײַנער וועט אַרײַנקומען צו מיר :

— קלויב מיך פאַר דאָזאָר !

— און אַז נישט !

— אַ באָמבע...

אַ צווײַטער :

— מאַך מיך פאַר אַ רב !

— און ווען נישט !

— אַ באָמבע...

כ'לעבען, עס ווערט רעכט געפעהר-ליך אין אונזער יודיש וועלטיל.

מילא פעטש, קריגערײַען זענען נאָך אַ וועלכע זאַכען מיט וועלכע מען איז שוין צוגעוואוינט. אָבער באָמבעס, רבונו של עולם, באָמבעס, זאָגט איהר ! —

— אויב אַזוי זאָל שוין דוד'ל זײַן אַ רב !

צבי.

וועלט-נייעס.

די מפּלה פון די ערוועהלטע קעניגען.

די ערוועהלטע קעניגען ד. ה. די וואָס זענען נישט געווען קײַן קרוין-פּרינצען און בעקומען נישט דעם טראָהן אלס ירושה נאָר זיי קומען גלאַט קעניגען איבער אַ פאָלק—האָבען שטענדיג געהאַט אַ מפּלה, דאָס אומגליק פון ווילהעלם וויעד, וועלכער רופט זיך דער קעניג פון אַל-באַניען, איז נים דאָס ערשטע אויף דער וועלט. קודם כל דאַרף מען געדענקען דעם גורל און דעם סוף פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטען, וועלכער איז אויך געווען אַ מולך מעצמו, טראַגיש האָט זיך אויך געענדיגט מיט דעם קייזער פראַנץ-יאָזעף'ס אַ ברודער, דער אײַדעלער ערצהער-צאָג מאַקסימיליאַן, וועלכער איז געוואָרען אויף אַ געוויסע צײַט קייזער פון מעקסיקאָ און דער-נאָך אַזוי טראַגיש אומגעקומען דורך די רע-וואָלוציאָנערען (ווי בעוואוסט האָבען זיי איהם דערשאָסען) זײַן פרוי די טאָכטער פון לעאָפּאָלד איז פון צער משוגע געוואָרען און געפינט זיך עד היום אין משוגעים-הויז. אויך גריכענלאַנד האָט נישט געהאַט קײַן גליק צו די ערוועהלטע קעניגען דער ערשטער פון זיי אָטאָ פון ווימעלס-באַך, דער צווײַטער זוהן פון קעניג לודוויג פון בײַערן איז דורך אַ לאָנדאָנער קאָנפערענץ בעשלאָסען געוואָרען אין אויגוסט 1832 קעניג פון גריכענלאַנד און איז אויך אָנערקענט גע-וואָרען אלס אַ וועלכען פון דער נאַציאָנאַל-פער-זאַמלונג אָבער באַלד דערנאָך האָט אויסגע-בראָכען אַ רעוואָלוציע און ער האָט אָנגעוואוי-רען דעם טראָהן, דאַן האָט גריכענלאַנד אויס-געוועהלט דעם צווײַטען זוהן פון קעניג קריסט-יאַן IX דער פּרינץ וועלכער האָט אײַגענטליך געהײַסען ווילהעלם איז אַרויף אויפ'ן טראָהן אונטערן נאָמען געאָרג I אָבער ער האָט גע-ענדיגט זײַן לעבען טראַגיש. בעת דער לעצטער באַלקאַנישער מלחמה איז ער געפאַלען אַ קרבן פון אַנ'אַטענטאַט.

א טראַגעדיע פון א יודישען שילער.

(פון אונזער ווילנער קאָרעספּאָנדענט).

גאַנץ ווילנאַ קאָכט איצט וועגען דער טראַגעדיע פון יודישען שילער אין קאַ-גאַנ'ס גימנאַזיע, וועלכער איז משוגע געוואָרען און דאַן פון אַ האַרץ-שלאַג געשטאָרבען.

וועגען דער גרויזאַמער בעהאַנדלונג אין קאַגאַנ'ס גימנאַזיע האָט מען שוין לאַנג גערעדט אין שטאָדט. דער דאָ-זיגער פאַל האָט געגעבען די געלעגענהײַט אַביסעל אויפצודעקען דעם פאָרהאַנג פון דער דאָזיגער לעהראַנ-שטאַלט און געוויזען דער וועלט, ווי אַזוי מען בעהאַנדעלט דאָרט די שילער.

דער קרבן פון דער לעהראַנשטאַלט הײַסט ראָזענבערג, אַ שילער פון 8 קלאַס. ער איז געווען פון זעהר אָרימע עלטערן, זײַן מוטער האָט ער פערלוירען נאָך קינדווײַז. זײַנע צווײַ שוועסטערן, וועלכע האָבען אין זײַער לעבען געליטען פיעל נויט און דחקות, האָבען זײַערע לײַדען נישט געקאָנט אַריבערטראָגען און מיט אײַניגע יאָהר צוריק איז אײַן וואַך זיך געסם'ט.

גוטע מענשען האָבען אויפ'ן יתום רחמנות געקריגען און דערקענענדיג זײַנע גרויסע פעהיגקײַטען, האָט מען איהם אַרײַנגעגעבען אין קאַגאַנ'ס גימ-נאַזיע.

מיט אײַגענע קרעפטען האָט ער דערגרײַכט ביז צום 8 קלאַס, ער פלעגט מוזען געבען לעקציעס, כדי צו האָבען פון וואָס צו לעבען און ער האָט די גאַנצע צײַט מאַטעריעל און מאָראַליש גענוג געליטען. אַ חוץ זיך האָט ער נאָך געמוזט מפרנס זײַן אַ קראַנקען פאָטער און אַ יונגערע שוועסטער. ער פלעגט האָרעווען ווי אַ פערד, טאָג און נאַכט און ענדליך שוין נעהאָפט צו דערגרײַכען זײַן ציעל—צו ענדיגען די גימנאַזיע.

שטעהענדיג אָבער שוין בײַ דער טיר פון „גליק" איז זיך מישב דער דירעק-טאָר ה' קאַגאַן און לאָזט איהם איבער פאַר „פּאָווטאָרעניע" אויף נאָך אַ יאָהר אין גימנאַזיע... דער צער פון אומגליק-ליכען יונגענמאַן איז געווען גענוג גרויס, נאָר וואָס האָט ער געזאָלט טהון ? — איז ער געבליבען נאָך אַ יאָהר. אין מיטען יאָהר האָט מען איהם נעכאַפּט לײַענענדיג אַ צײַטונג אין קלאַס און מען שליסט איהם אינגאַנצען אויס... צווישען די שילער און לעהרער רופט עס אַרויס אַ שטאַרקע אויפרעגונג און אַ דאַנק אײַניגע בעמיהונגען האָט מען ראָזענבערג'ן צוריק אַרײַנגענומען אין גימנאַזיע.

און אָט האָבען זיך אָנגעהויבען די עקזאַמענס. ר. האָט געהאָרעוועט טאָג און נאַכט, ווײַטערדיג, אז מען וועט צו איהם מיט רחמנות זיך נים בעציהען... ער האָט אַזוי פיעל געהאָרעוועט ביז—ער איז אַראָב פון זינען און אויף אַנ'עק-זאַמען שטאַרק אָנגעפאַלען אויף די לעהרער און דעם דירעקטאָר...

דער פינאַל פון דער טראַגעדיע איז געווען, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דער אונגליקליכער בעקומען אַ האַרץ-שלאַג און געשטאָרבען.

נ. ש.

צום טויט פון דושאָזעף טשעמבערלען.

פאַרגעסטערן איז געשטאָרבען אין לאָנדאָן אײַנער פון די גרעסטע מלוכה-מענשען אין ענגלאַנד דושאָזעף טשעמ-בערלען אין 78 יאָהר פון זײַן לעבען.

אין די לעצטע יאָהרען האָט זיך טשעמבערלין אַ ביסעל דערווײַטערט פון פּאָליטישען לעבען צוליעב זײַן קראַנק-הײַט, ער איז אָבער געווען דער פּאָפּו-לערסטער מלוכה-מענש אין ענגלאַנד, אײַנער פון די גרעסטע נאָך פון דער וויקטאָריאַ-עפּאָכע, טשעמבערלען האָט אָנגעהויבען זײַן פּאָליטישע קאַריערע אלס ראַדיקאַל און אַ ביסעל גענייגט צום סאָציאַליזם, געשטאָרבען איז ער אָבער אלס הויפּט-טהוער פון דער קאָנסער-וואַטיווער אָפּאָזיציע.

טשעמבערלען איז געבוירען געוואָרען בײַ נישט קײַן רײַכער פאַמיליע אין בורמינגהאַם. ביז זײַנע 40-ער יאָהרען איז ער געווען אַ פאַבריקאַנט און זײַן שטאָדט און איז בײַ אַלעמען זעהר גע-שעצט געוואָרען, אין יענער צײַט האָט מען איהם אויסגעוועהלט אלס דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט און ער איז געווען דעפּוטאַט ביז פאַריגעס יאָהר ווען ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זײַן מאַנדאַט. אין יאָהר 1880 איז ער אַרײַן אין גלאַדסטאָנ'ס קאַבינעט אלס האַנדעלס-מיניסטער, ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט ערוועקט די פראַגע וועגען סאָציאַלע רעפאָרמען, וועגען פערבעסערן די לאַגע פון די אַרבײַטער א. אז. וו. וואָס האָט יענער צײַט אַרויסגערופען אַ גרויסען שטורם, אין יאָהר 1886 איז ער אַרויסגעטרעטען פון מיניסטעריום-קאַבינעט. שפּעטער איז ער באַלד ווידער געוואָרען קאָלאָניאַל-מיניסטער און ער איז געווען דער גרעסטער קאָלאָניאַל-מיניסטער, ער האָט אויפגעטהון פיעל פאַר די קאָלאָניעס, זיי געבראַכט צו אַ געוויסער מדרגה פון זעלבסטשטענ-דיגקייט און דערפאַר האָט די בריטישע אָבערהערשאַפט דערפון נאָר נישט געליטען.

אין יאָהר 1908 האָט ער אָבער גע-מוזט זיך אָפּגעבען אין רעטיסיע, ווײַל דער קורס האָט זיך געביטען און די רעגירונג איז דעמאָלט איבערגעגאַנגען צו די ליבעראַלען.

טשעמבערלען איז געווען אײַנער פון די גרעסטע ענגלישע פּאָליטיקער און אין זײַן טויט האָט ענגלאַנד פערלוירען אַ גרויסען מלוכה-מאַן און אײַנעם פון איהר בעסטע זיהן.

די פערפידרטע מוטער

(38

אָדער

די אומגליקליכע טאָכטער.

אַ שפּאַנענדער ראָמאַן פון לאָדזער לעבען.

דער דאָקטאָר האָט אָנגענומען זאָסיאַ'ן פאַר דער האַנד און האָט זי אַרײַנ-געפיהרט אין אַ גרויסען לאַנגען קאָרידאָר, וואו ער האָט איהר געהײַסען וואַרטען.

ס'איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט. אין שפּיטאָל איז שוין געווען רוהיג. אַ חוץ די דינער האָט מען קײַנעם נים געזעהען. זאָסיאַ האָט זיך אוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און איז געזעסען ווי אַ צוגעשמידעט. פון צײַט צו צײַט האָט זי געזעהען ווי מען האָט דורכגעפיהרט מענשען אין ווײַסע קיטלען מיט קאָלפּאַקעס אויפ'ן קאָפּ, זי האָט געהערט ווי זיי האָבען געשריען און געליאַרעמט און באַלד איז ווידער רוהיג געוואָרען. ס'איז אָנגעפאַלען אַ מורא אויף איהר. איהר קינ-דערשע נשמה און געמיט האָט נים געקאָנט פערטראָגען די אויפרעגונג און די שטימונג, וואָס האָט דאָ געהערשט, און זי איז וואָס אַ מאָל אונרוהיגער געוואָרען.

אין אַ קורצע צײַט אַרום איז אָנגעקומען דער דאָקטאָר. זאָסיאַ איז צוגע-לאָפען צו איהם.

— איך האָב מורא,—האָט זי זיך אָנגערופען.

— אויב דו האָסט מורא וועל איך דיך אָפּפיהרען אַ היים,—האָט ער געזאָגט.

— און דער טאַטוש ? — האָט זי אַ פרעג געטהון מיט רחמנות'דיגע אויגען.

— איך וויל ניט, אז דו זאָלסט זיך שרעקען, דײַן טאַטוש איז דאָך קראַנק.

— נײַן, איך וויל איהם זעהען,—האָט זי זיך גענומען בעטען.

— געדענק זשע, זאָלסט זײַן רוהיג און זאָלסט נים צוגעהען צו איהם.

זאָסיאַ האָט נים געענטפערט, אָבער אין איהרע אויגען האָט ער דערזעהען איהרע לײַדען און איהר בענקשאַפט. ער האָט זי גענומען און אַרײַנגעפיהרט אין גרויסען ליכטיגען אָבער פוסטען זאַל.

אַלײַן איז ער אַרויסגעגאַנגען און אין אַ מינוט אַרום איז ער אַרײַנגעקומען מיט נאָך דרײַ מענשען אַלע אָנגעטהון אין ווײַסע כאַלאַטען. צווישען די דרײַ איז אויך געווען בלומענטאַל.

זאָסיאַ האָט איהם באַלד דערזעהען און האָט אַ ציטער געטהון.

— טאַטוש ! — האָט זי אַ געשרײַ געטהון ווי נים מיט איהר קול.

דער דאָקטאָר האָט איהר פון ווײַטענס אַ וואונק געטהון מיט'ן פינגער, אַז זי זאָל זיצען רוהיג. אַלײַן איז ער געשטאַנען און האָט גערעדט מיט די משוגעים נים צולאָזענדיג, אַז זיי זאָלען בעמערקען דאָס קינד. ער האָט אָבער געזעהען, אַז זאָסיאַ איז וואָס אַ מאָל אונרוהיגער געוואָרען און האָט זיך אַלץ געריסען צום טאַטער. ער איז צוגעגאַנגען צו איהר און האָט איהר געסטראַשעט, אַז ער וועט זי באַלד אַרויספיהרען פון דאַנען, אויב זי וועט זיך נים פערהאַלטען רוהיג.

— דאָס זענען קראַנקע מענשען,—האָט ער איהר געזאָגט,—מען טאָר זיי נים בעאונרוהיגען. דו האָסט געוואָלט זעהען דײַן פאָטער האָב איך דיר איהם געוויזען, מײַן קינד, איצט זײַ רוהיג.

דאָס קינד האָט זיך אָבער נים בעקענט בערוהיגען דערזעהענדיג דעם פאָ-טער אין אַזאַ סביבה און אין אַזאַ צושטאַנד. זי האָט אַלץ געוואָלט צוגעהען און רײַדען מיט איהם, אָבער דער דאָקטאָר האָט איהר צוריק געהאַלטען. זאָסיאַ האָט אויף איהם אַ קוק געטהון מיט איהרע רחמנות-אויגען, איהר בליק האָט זיך געבעטען בײַ איהם, אז ער זאָל זי לאָזען רײַדען מיט איהר פאָטער. דער דאָק-טאָר האָט געמאַכט אַ בעוועגונג מיט דער האַנד און איז צוגעגאַנגען צו די דרײַ משוגעים. אין אַ מינוט אַרום האָט ער צווײַ פון זיי געהײַסען אַרויספיהרען און בלומענטאַל'ן האָט ער געלאָזען אין זאַל.

ער האָט איהם פאָרזיכטיג אָנגענומען פאַר דער האַנד און האָט איהם צוגעפיהרט צו זאָסיאַ'ן. דאָס קינד איז געזעסען בלאַס ווי דער טויט.

— איהר ווײַסט ווער דאָס איז ? — האָט דער דאָקטאָר אַ פרעג געטהון בלומענטאַל'ן אָנווײַזענדיג מיט דער האַנד אויף זאָסיאַ'ן.

מאַקס בלומענטאַל האָט לאַנג געקוקט אויף איהר און האָט אָנגעהויבען צו שמייכלען.

— דאָס איז זאָסיאַ, מײַן זאָסיאַ, — האָט ער רוהיג געענטפערט נים ריה-רענדיג זיך פון אָרט.

— טאַטוש ! — האָט זי אַ געשרײַ געטהון, און טרערען האָבען זיך גע-וויזען אין איהרע אויגלאַך.

מאַקס'ן האָט דער געשרײַ נים געריהרט. דער דאָקטאָר איז געשטאַנען צווישען זיי בײדע האַלטענדיג זיי פון דער אַנדערע, מאַקס האָט געקוקט אויף איהר און האָט געשמײכעלט.

— מײַן זאָסיאַ,—האָט ער געזאָגט צום דאָקטאָר,—מײַנע...

און פלוצלונג האָט זיך זײַן געזיכט פערוואָלקענט.

— און וואו איז דײַן שוועסטער ! און וואו איז דײַן ברודער ? — האָט ער אָנגעהויבען פרעגען זאָסיאַ'ן.

זי האָט געקוקט אויף איהם מיט איהרע אונשולדיגע טרויעריגע אויגלאַך און האָט איהם נים געענטפערט.

— וואו איז דײַן ברודער ? — האָט ער שוין געפרעגט אויף אַ קול.

דער דאָקטאָר האָט איהר געהײַסען ענטפערן. אָבער זי האָט זיך אָנגע-רופען :

— איך האָב קײַן ברודער נים.

— אַלע וועלען באַלד קומען,—האָט דער דאָקטאָר בערוהיגט מאַקס'ן, דערזעהענדיג, אַז ער ווערט אויפגערעגט :

— אַלע, אַלע,—האָט זיך מאַקס דערפרעהט,—און מײַן זוהן אויך ?...

ער האָט אָנגעהויבען צו לאַכען און האָט געוואָלט אָנכאַפּען זאָסיאַ'ן פאַר דער האַנד, אָבער דער דאָקטאָר האָט איהר אַ וואונק געטהון, אַז זי זאָל אוועק-געהן אַ ביסעל ווײַטער פון איהם. דאַן האָט ער גענומען בלומענטאַל'ן אונטער'ן אָרים און האָט איהם אַרויסגעפיהרט פון זאַל.

זאָסיאַ האָט מיט אַ אונגעהויערער בענקשאַפט און מיט אַ געוואַלדיגען וועה-טאָג אין האַרצען נאָכגעקוקט ווי איהר קראַנקער פאָטער געהט אוועק. בײַ דער טיר האָט זי נאָך געזעהען, ווי ער האָט זיך אומגעדרעהט און האָט אַ קוק גע-טהון אויף איהר, און מיט אַ שווער געמיט, אַ מידע און אַ צובראָכענע האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך אומגעקעהרט דער דאָקטאָר.

— נו, איצט קענען מיר געהן, דײַן פאָטער האָסטו שוין געזעהען,—האָט דער דאָקטאָר אַ זאָג געטהון.

ס'איז שוין געווען שפּעט בײַ נאַכט בעת ער איז אַוועקגעפאָהרען מיט איהר צוריק קײַן וואַרשוי.

41. צוריק אַ היים.

דער דאָקטאָר האָט שוין נים אָבגעלאָזט זאָסיאַ'ן. ער האָט איהר געגעבען צו עסען און צו טרינקען און האָט זי פערהאַלטען בײַ זיך ביז אין דער פריה.

— נו, ביסטו צופריעדען ?—האָט ער זי אַ פרעג געטהון אויף מאָרגען אין דער פריה בײַ זיך אין קאַבינעט.

— מײַן אונגליקליכער פאָטער ! — האָט זי אַ טיפען זיפץ געטהון,— ער איז אַזוי קראַנק... אַ גאַנצע נאַכט האָב איך נים געקענט שלאָפען.

אין איהרע אויגען האָבען אַ גלאַנץ געטהון טרעהרען.

— איצט זאָג מיר, מײַן קינד, האָסטו דאָ בעקאַנטע אין וואַרשוי, אָדער דו ווילסט איך זאָל דיך אָפּשיקען גלײַך קײַן לאָדז.

זאָסיאַ האָט איהם געזאָגט, אַז זי האָט דאָ אַ שוועסטערקינד, און האָט איהם אויך אָנגעוויזען וואו ער וואוינט.

— נו, איצט וועט מען דיך אָפּפיהרען אַ הין,—האָט דער דאָקטאָר געזאָגט צו איהר,—אָבער אַלײַן זאָלסטו שוין מעהר נים קומען אַהער. דו זאָלסט באַלד אוועקפאָהרען צו דײַן מאַמאַ און דאָרט אין דער היים זאָלסטו וואַרטען ביז דײַן פאָטער וועט קומען... ער וועט אין גיכען געזונד ווערען און וועט באַלד צוריק קומען צו אײַך.

זאָסיאַ האָט אויף איהם אַ קוק געטהון מיט אויגען פול מיט דאַנקבאַרקײַט. ער האָט איהר נאָך געזאָגט אַ פּאָר טרייסט-ווערטער און האָט זי אָבגעשיקט מיט אַ מענשען צו איהר שוועסטער-קינד.

בעת זי איז אַרײַנגעקומען אין שטוב צו איהר שוועסטער-קינד זענען אַלע ווי געפּלעפט געוואָרען פון דעם אומגעריכטען וויזיט, און אַממײַסטען איז איבער-ראַשט געוואָרען דער אַלטער וואַרשאַוויאַק, וועלכער איז געקומען קײַן וואַרשוי זי זוכען.

— זאָסיאַ ! זאָסיאַ !—האָט ער אַ געשרײַ געטהון און זיך אַ וואַרף געטהון צו איהר.

(פאָרטזעצונג קומט).

וואס הערט זיך אין לאדז.

וועגען לאדזער גובערניע.

פון פעטערבורג מעלדעט מען פון א ווילנער קוועלע, אז דער פראיעקט וועגען לאדזער גובערניע וועט שוין בעטראכט ווערען דעם 14-טען יולי אין מיניסטעראן-קאבינעט און דאן וועט ער אין אנהויב הערבסט אריינגעטראגען ווערען אין דומע.

— (ש) ווי מיר דערוויסען זיך פון א ווילנער קוועלע, איז די טעג אין ווארשוי בײם גענעראל-גובערנאטאר פארגעקומען א בעראטונג וועגען אריבערפיהרען די קאלישער גובערניע קײן לאדז. אין דער בעראטונג האט זיך אויך בעטײליגט דער פעטריקאווער וויצע-גובערנאטאר גענעראל-מאיאר פארטווענגלער. דער ווארשויער גענעראל-גובערנאטאר האט זיך ארויסגעזאגט פאר דער גרינדונג פון לאדזער גובערניע.

א אנקלאגע אויפ'ן מאגיסטראט.

א גרופע איינוואוינער פון די אומגעגענדען, וועלכע זענען פאראייניגט צו לאדז, האט דערלאנגט א אנקלאגע דעם פעטריקאווער גובערנאטאר אויפ'ן לאדזער מאגיסטראט. אין דער אנקלאגע ווערט אנגעוויזען, אז דער מאגיסטראט צעטײלט נישט געוויסענהאפט די שטעדטישע פאראטקעס און אבצאהלונגען פאר די שטעדטישע קאסעס. די איינוואוינער פון דער אומגעגענד מוזען צאהלען די זעלבע פאראטקעס, ווי די איינוואוינער פון דער שטאדט, וועהרענד אין דער אומגעגענד איז נישטא קײן געהעריגע בעלייכטונג, ברוק א. אז. וו.

דער גובערנאטאר האט פעראָרדענט צו מאכען א אויספארשונג און פעסטשטעלען די סבה, צוליעב וואס די אנקלאגע איז ארויסגערופען געווארען.

צום באלוטער גרויש.

(ג) צוליעב'ן גרויש פון די יודען, וואס האבען געוואוינט אין באלוט אויף פויערישער ערד האבען די יודען פערלאזט זײערע וואוינונגען און זיך געדונגען אנדערע וואוינונגען. די הויזבעזיצער ליידען, פערשטעהט זיך, שטארק דערפון און זיי האבען דערום זיך געווענדעט צום פעטריקאווער וויצע-גובערנאטאר, אז ער זאל דעם גרויש אבשטעלען. דער וויצע-גובערנאטאר האט צוגעזאגט עס צו ערפילען. די יודישע שכנים האבען דערווייל זײערע וואוינונגען פערלאזט און וועלען שוין א חוץ אזוי לייכט נישט אריין...

פערוואנדעלט פויערישע ערד אויף שטעדטישע.

(ג) צוליעב'ן גרויש פון יודען פון דער פויערישער ערד אין אנטאניעוו-סטאקי בײ לאדז, זענען די דארטיגע דרײ רײכסטע פויערים ציופאק, קארפיק און וועגנער איינגעקומען מיט א ביטע אין אינערן-מיניסטעריום וועגען ערלויבען זײער ערד צו פערוואנדלען אויף שטעדטישע. די דאזיגע ביטע איז ערפילט געווארען מיט'ן בעדינג, אז די דרײ פויערים זאלען קויפען ערד פאר דער סומע, וואס זײער ערד אלס שטעדטישע וועט האבען מעהר דעם ווערט ווי פויערישע און דערנאך עס אבגעבען אומזיסט ארימע פויערים. די פויערים האבען איינגעקויפט ערד אין זשעראמין און דער פויערים-קאמיסאר ראפאלסקי האט עס פערטײלט צווישען נײן פויערים.

וועגען נארמירען די ארבייטס-צייט אין די היגע אפטייקען.

(ג) אונטער'ן פארזיץ פון ה' פערעלמאן איז פארגעסטערן פארגעקומען אין אייגענעם לאקאל פון „אפטייקער-אנגעשטעלטע פעראיין" (קאנסטאנטינער נומער 5) אנ'אויסערגעוועהנליכע פערזאמלונג פון די מיטגלידער.

אויף דער פערזאמלונג זענען אויסער פיעל פערשיעדענע אנדערע פעראיינס-פראגען בעטראכט געווארען די פראגע וועגען נארמירען די ארבייטס-צייט אין די היגע אפטייקען.

נאך לאנגע דעבאטען איז בעשלאסען געווארען, אז דער פעראיין זאל זיך בעמיהען בײם פעראיין פון די אפטייקער-בעזיצער, אז דער לעצטער זאל מסכים זײן צונויפצורופען א פערזאמלונג פון ביידע צדדים, אויף וועלכער ס'זאל בעשטימט ווערען א נארמאלער ארבייטס-טאג פאר די אפטייקען און אפטייק-סקלארעס.

די סקאנדאליעזע פערזאמלונג אין פריזיער-צעך.

(ג) די פערזאמלונג אין פריזיער-צעך, איז ווי מיר האבען שוין געמעלדעט אריבער זעהר שטורמיש און זיך געענדיגט מיט א סקאנדאל.

צום אנהויב פון דער פערזאמלונג ווערט פארגעלעזען דער קאסע-בעריכט. דערויף הויבט זיך אן דאס צושרייבען צום צעך אלס פריזיער-מייסטער און דא ברעכט אוים א גרויסער סקאנדאל. דער בעוואוסטער יודען-פרעסער שיפילא פערלאנגט, אז דעם פריזיער שולץ זאל מען צום צעך נישט צושרייבען. די גאנצע פערזאמלונג איז געוועזען פאר שולץ'ס צושרייבען צום צעך.

בעת דעם דאזיגען קליינעם סקאנדאל איז פלוצלונג געקומען צו א גרויסען סקאנדאל, וועלכער איז שיער נישט אריבער אין א געשלעג. שיפילא האט ענטדעקט א סוד, אז אלע צעך-עקספערטען זענען אונטערגעקויפטע און נוצען אוים דעם צעך פאר זייערע פריוואטע צוועקען... די עקספערטען ווידער האבען ענטדעקט שיפילאס שווינדלערייען אין צעך, וועלכע ער האט אויסגעפיהרט אויפ'ן גרונד פון זיין „פאטריאטיזם"... זעהענדיג אז ס'קומט צו א געשלעג, האט דער מאגיסטראטס-אסעסאר די פערזאמלונג געשלאסען און זי אבגעלענט אויף צוויי וואכען.

א טעלעפאן צווישען לאדז—קאליש.

דער מיניסטעראן-ראט האט איבערגעגעבען דעם אינזשינער נאלטש א קאנצעסיע אויף איינצואָרדנען א טעלעפאן-פערבינדונג צווישען לאדז—קאליש. דרײ מינוטען רעדען וועט קאסטען 30 קאפ.

די קאנצעסיע איז איבערגעגעבען געווארען אויף א טערמין פון 50 יאהר. דערפאר האט דאס מיניסטעריום דאס רעכט מבטל צו מאכען דעם אבמאך פאר'ן טערמין, אויב די פינאנץ-מאכט וועט דאס פאדערען. פון די הכנסה וועט די רעגירונג בעקומען 16 פראצ.

אויף דער פאדערונג פון דער מיליטער-מאכט האט מען דעם אינזשינער געשטעלט א תנאי, אז די בעאמטע פון טעלעפאן זאלען זײן אויסשליסליך רוסישע אונטערטאנען, אויסער יודען.

ווער איז גערעכט?

(ג) מיט צוויי וואכען צוריק זענען צוויי אונבעקאנטע קריסטען אריינגעקומען אין פריזיער-געוועלב פון שלמה סיצאוואסקי, מלינארסקא 23, און געפאדערט, אז ער זאל בעצאהלען די שול-פאראטקעס אויף אויסצוהאלטען די שולען אין באלוט. די צוויי קריסטען האבען זיך אבער אפגעזאגט צו ווייזען אויף דער פאדערונג פון ה' סיצאוואסקי די געהעריגע ערלויבניש אויף איינצוקאסירען רעגירונגס-געלדער. נישט קענענדיג די מאהנער, האט ה' ס. דאס געלד זיי נישט געוואלט אויסצאהלען.

ווען זיי האבען געלעגט אנ'ארעסט אויף זיינע זאכען, האט ה' ס. די „פלעטלעך" אראפגעריסען אין זייער אנוועזענהייט, פאדערענדיג א צייגניש, אום ער זאל זיי קענען בעצאהלען דאס געפאדערטע געלד. די קריסטען האבען זיך קאטעגאריש דערפון אבגעזאגט. דאן האט ס. אריינגערופען צוויי סטראזשניקעס, וועלכע האבען די קריסטען געוואלט ארעסטירען. איינער פון די קריסטען האט ארויסגעכאפט א געריכטס-קייט און אנטהוילענדיג זי אויפ'ן האלז, זיך פארגעשטעלט אלס דער באלוטער סאלטיס.

די סטראזשניקעס און אויך ה' ס. האבען זיך פאר איהם ענטשולדיגט און ווען ס. האט איהם געוואלט געבען דאס געלד, האט דער סאלטיס נישט געוואלט נעהמען עס, פיהלענדיג זיך בעליידיגט פאר ס.'ס האנדלונג. דער סאלטיס האט ה' ס. איינגעזעצט אויף צוויי טעג אין גמינע-ארעסט.

איצט האט ה' ס. אנגעגעבען א אנקלאגע אויפ'ן סאלטיס פאר זיין אונגעזעצליכער טאקטיק בעת דעם איינקאסירען די שול-פאראטקעס און פאר'ן אונגעזעצליכען ארעסט. ה' ס. פעררופט זיך אין זיין אנקלאגע אויף דער פעראָרדנונג פון פעטריקאווער גובערנאטאר, אז בײם איינקאסירען רעגירונגס-געלדער מוז דער מאהנער האבען אנ'אפיציעלע ערלויבניש דערויף.

אנ'אנטיסעמיטישער קאנדוקטאר.

(ג) אויפ'ן אלעקסאנדערער טראמוואי איז פארגעקומען אזא פאל: א יודישע פרוי מיט א קוישעל האט זיך געוואלט אריינזעצען אין טראמוואי. דער קאנדוקטאר איז אבער באלד צוגעלאפען און זי ארויסגעשטויסען פון טראמוואי.

ווען דער יודישער פאסאזשיר א. ז. האט זיך אנגענומען פאר דער יודענע איז דער קאנדוקטאר אויף איהם אנגעפאלען מיט זלזולים און איהם אויך געוואלט שלאגען. דאן האט דער קאנדוקטאר דעם יוד פערהאלטען און איהם געהאלט ביז'ן קיין אלעקסאנדער און איבערגעבען פאליציי. אויף דער סטאציע קוואטס איז אבער ארויף דעם יודענס א זוהן מ. ז. און זיין טאטען בעפרייט. דער קאנדוקטאר איז זיי דאן נאכגעלאפען און זיי אזוי שטארק געשלאגען, אז זיי זענען פערוואונדעט געווארען.

נעקראלאג.

אין בערלין איז די טעג געשטארבען אין יודישען שפיטאל די בעקאנטע לאדזער איינוואוינערין פרוי סאלא פעשע קארפאווסקא, וועלכע איז געוועזען די בעזיצערין פון דער צושנייד-שולע אונטער דער פירמע „ש. קרינסקא". די פערשטארבענע, וועלכע איז אינגאנצען אלט געוועזען 42 יאהר, איז געוועזען א שוועסטער פון בעוואוסטען ווארשויער פעדאגאג און ארויסגעבער ה' מ. קרינסקי און האט אין אונזער שטאדט געפיהרט אנ'ערך 25 יאהר איהר צושנייד-שולע. זי איז געוועזען א מיטגליעד אין פיעל היגע חברות און אינסטיטוציעס און שטארק בעליעבט און געאכטעט געוועזען צווישען איהרע בעקאנטע.

בעשטראפטע פאליציסטען.

(ג) לויט דער פעראָרדנונג פון דער פעטריקאווער גובערנסקער פערוואלטונג זענען פאר'ן נישט געהעריגען ערפילען זייערע פליכטען בעשטראפט געווארען פון זייערע פאסטענס: די פאבריקס-סטראזשניקעס פון „היינצעל און קוניצער'ס" פאבריקען פאוועל יעלשין, מיכאיל קאניצקי און דיאניזי באנדארטשוק; די פאבריקס-סטראזשניקעס פאוועל זאקאלארקין, סילוועסטער קראווטשוק און סאמועל פאלאק בעשטראפט געווארען מיט 5 טעג ארעסט.

פאר'ן אונגעזעצליכען ארעסטירען א געוויסען קיריל פיאדראוו און שלאגען איהם זענען די סטראזשניקעס פון פיערטען אוטשאסטאק איוואן קאסטושעוו און איוואן טוראטא דורך'ן פעטריקאווער גובערנאטאר בעשטראפט געווארען: דער ערשטער פערלאזען זיין פאסטען און דער צווייטער צו פיער טעג ארעסט.

פערקויפט די פוסטע גאס.

(ג) ווי בעוואוסט, האט די גאנצע פוסטע גאס פריהער געהערט צו דער עקציענגעזעלשאפט „מארקוס ווילבערשטיין". די לעצטע צייט האט די געזעלשאפט פערקויפט פיעל פלעצער אויף דער פוסטע גאס און איצט די אנדערע פלעצער פון דער גאס פארצעלירט און זיי איינגאנצען פערקויפט. בײם פערקויף האט די געזעלשאפט געשטעלט א בעדינג, אז אויף דער גאס מוזען אויסגעבויט ווערען גרויסע הייזער און די פלעצער אויף דער גאס מוזען ווייטער בלייבען.

פערשיעדענעס.

די פירמע „בארוך און קאמפ." וועט איצט נאכ'ן טויט פון זעליג בארוך ז"ל געפיהרט ווערען דורך לעאן בארוך.

— עס איז ערשיענען די 12-טע נומער פון „נאשי ספראווי", וועלכע ענטהאלט אינטערעסאנטען מאטעריאל וועגען לעבען פון די האנדעלס-אנגעשטעלטע.

— דער פעטריקאווער גובערנאטאר האט אדמיניסטראטיוו בעשטראפט א געוויסען מיכאל נאליצקי פאר דרוקען מודעות בלויז אין פויליש מיט 25 ר' אדער 7 טעג ארעסט.

— דעם 15 יולי קומט קיין לאדז די צווייטע אבטיילונג פון פעטריקאווער אקרושנאי סוד אויף א ריי פראצעסען.

— (ג) דער געהילף פאליציימייסטער קאפיטאן מיאטשקאוו איז נעכטען ארויסגעפאָרען אויף א 10 טאגיגען אורלויב. דעם פאסטען פון פאליציימייסטער טשעסניאקאוו פערנעהמט איצט דער פריסטאוו פון ערשטען אוטשאסטאק דאבראטווארסקי, דעם געהילף-פאליציימייסטער מיאטשקאוו'ס פאסטען פערנעהמט דער נאטשאלניק פון דער רעזערוו-פאליציי, קאפיטאן נאוויקאוו.

— (ש) דער פערוואלטער פון דער פעטראקאווער קאזיאנע פאלאטע, ה' שעווצאוו איז נעכטען אבגעפאָהרען קיין אויסלאנד אויף אורלויב.

— (ג) די פאמיליע פון אין בושעושין דערהרג'עטען לאדזער יוד פון בושעושינער 82, שמואל צימבאלסקי, בעט אונז צו פערעפענטליכען, אז זייער אומגליקליכער פאטער איז א דאנק דער מיה פון די בושעושינער כלל-טהוער נישט געפאלטעסט געווארען און אז זיין לויה איז פארגעקומען מאנטאג פארנאכט און אין איהר האט זיך בעטייליגט דער דארטיגער מורה הוראה און פיעל אנדערע פערזאנען.

פון דער ראדאגאשטשער יודישער לייה- און שפאר-קאסע

(ג) נעכטען איז אווענד אין דער ראדאגאשטשער יודישער לייה- און שפאר-קאסע (זגערזשער 48) פארגעקומען אנ'אויסערגעוועהנליכע פערזאמלונג פון די ראטס- און פערוואלטונגס-מיטגליעדער, אויף וועלכער ס'איז בעטראכט געווארען די ביטע פון די קאסע-אנגעשטעלטע וועגען העכערן זיי דעם געהאלט, ווייל זיי האבען פון אנהויב געארבייט פאר זעהר א קליינעם געהאלט און האבען געווארט ביז דער מאטעריעלער צושטאנד פון דער קאסע וועט זיך פערבעסערן.

די פערזאמעלטע זענען נאכגעקומען די ביטע און האט געהעכערט דעם געהאלט פון די קאסע-אנגעשטעלטע פון 30 ביז 40 פראצ. צוליעב'ן אנגענומענעם בעשלוס האט זיך דער ראטס-מיטגליעד פון דער קאסע ד"ר בעמע וועלכער איז געוועזען געגען בעשלוס איינגעגעבען אין רעמיסיע.

געבוירען אויף דער גאס.

די 30 יעהריגע פרוי פון א מולארוס, קאנסטאנציע ראדושינסקא האט געבוירען א קינד אויף מילש גאס נעבען הויז № 30.

— אויף פאסאוש-שולץ 120 האט די 40-יעהריגע וועשערין יוזעפא מארדוזעווסקא אויך געבוירען א קינד אויף דער גאס.

ביידע האט מען אבגעפיהרט מיט דער פאגאטאוויע אין שפיטאל טרמין.

א שענדליך פערברעכען פון א הויזבעזיצער.

(ג) וועגען א שענדליכען פערברעכען, וואס ס'האט פארגעסטערן אבגעטהאן דער הויזבעזיצער ליפמאן נ., 50 יאהר אלט, וועלכער וואוינט אויף זשוראווי גאס אין ראדאגאשטש, טיילט מען אונז מיט פאלגענדע פרטים:

אין זיין הויז וואוינט צווישען פיעל אנדערע ארימע לייט א יוד א טרעגער און זיין פרוי האנדעלט מיט אויבסט. צוליעב זייער פרנסה געהט דאס פארפאלק אוועק אין גאס און לאזען איבער אין דערהיים זייער 18-יעהריג מיידעלע אליין.

פארגעסטערן בײ טאג בעת דאס מיידעל איז געוועזען אליין, האט דער „לעבענס-לוסטיגער" הויזווירט זי פערנארט צו זיך אין וואוינונג און זי געשענדעט.

בעת דעם מיידעל'ס עלטערן זענען אהיימגעקומען האבען זיי זייער קינד געפונען א קראנקע און צובראכענע. ווען זיי זענען מיט געשריי ארײן צום הויזווירט אין וואוינונג, האט ער זיי ארויסגעווארפען... די ידיעה וועגען שענדליכען פערברעכען האט זיך פערשפרייט איבער גאנץ באלוט און ראדאגאשטש און ארויסגערופען א גרויסע אויפרעגונג. פאר חרפה איז דער פערברעכער אנטלאפען. די פאליציי האט אנגענומען די געהעריגע מיטלען איהם צו ארעסטירען...

א מלמד אוועקגעווארפען זיין ווייב.

א געוויסער יוסף ארענבורג, א מלמד, וועלכער האט אבגעוואוינט מיט זיין ווייב, דינה ארענבורג גאנצע 17 יאהר און האט שוין א זוהן פון 18 יאהר, האט פלוצלונג זיך אויפגעהויבען און ענטלאפען פון זיין ווייב און קינד.

דאס ווייב איז א פאראלאזירטע פרוי, וועלכע קאן נישט פערדינען און איצט ווען דער מאן איז אוועק וועט איהר אויסקומען צו שטארבען פון הונגער. עס וואלט געוועזען א יושר, אז דער יודישער דאבראטשינאסטש זאל רחמנות האבען אויף דער אומגליקליכער פאראליזירטער עגונה און זי אריינעהמען אין פריוט פאר קאליקעס און פאראליטיקער.

געענדיגטע שטרייקען.

אין געברידער זיבערט'ס פאבריק, אויף סובאלסקא 6, האט זיך געענדיגט דער שטרייק. אלע 322 ארבייטער זענען צוגעטרעטען צו דער ארבייט, בעקומענדיג 5 פראצ. געהעכערט דעם לוין. די 5 בעפאלמעכטיגטע ארבייטער צו דער קראנקען-קאסע, וואס די פאבריק'ס אדמיניסטראציע האט דערווייטערט פון דער פאבריק, האט מען נישט צוריק אריינגענומען און די ארבייטער האבען זיך דערמיט בעפרידיגט.

— (ג) נעכטען האט זיך געענדיגט דער שטרייק אין דער פאבריק פון צעזאר אייזענבראון (ווידזעווער 214) נאכדעם ווי ס'איז געקומען צו אנ'אויסגלייך צווישען די 421 שטרייקענדע ארבייטער מיט דער פאבריקס-אדמיניסטראציע זענען די ארבייטער צוריק צוגעטרעטען צו דער ארבייט.

פארפאלען.

נעכטען ארום האלב 1 א זייגער בײ נאכט איז אויף צעגעלניאנא 46 אראבגעפאלען א שטיק געזימס פון דעם דערמאהנטען הויז אויפ'ן טראטואר. צום גליק האט עס קיין מענשען נים געשעדיגט. איין דורכגעהער איז פערשאטען געווארען מיט לייהם און שטיקלאך ציגעל, דאך איז איהם געלונגען ארוים אונבעשעדיגט. די פאליציי האט פעראָרדענט דאס ארט אבצוצוימען.

זעלבסטמארד.

אויף פעטריקויער 118 האט זיך געפרובט דאס לעבען נעהמען דער 25-יעהריגער עקספעדיענט לעאפאלד סראמשינסקי. ער האט צו דעם צוועק אויסגעטרונקען א גיפטיגע פליסיגקייט. מען האט ארויסגערופען די פאגאטאוויע, וועלכע האט איהם ערטיילט הילף און אין א שווערען צושטאנד אבגעפיהרט אין שפיטאל.

אנפאלען אויף יודען.

(ג) פארגעסטערן האבען די לאדזער יונגעלייט בער טאראנטשיק, יעקב טייטעלבוים, אברהם אפענבאך און יוסף פראנער אין בעגלייטונג פון איינינע פריילינס שפאציערט אויפ'ן פעלד בײ קאלי. אויפ'ן וועג זענען אויף זיי אנגעפאלען איניגע שקצים, זיי געשלאגען און ארעסטירט בײ זיך.

נאך פיעל בעטטעניש איז די יונגעלייט געלונגען זיך אויסצוקויפען בײ די שקצים פאר א פאר רובל... די שקצים האבען אבער פריהער בײ זיי צוגערויבט צוויי זילבערנע זייגערלעך. די ברידער סטאלארעק וועלכע זענען געשטאנען אין דער שפיץ פון די שקצים-באנדע האט די זעמסקי פאליציי ארעסטירט און נעגען זיי פערפיהרט א פראצעס פאר א רויב-אנפאל.

א שיסעריי אויף זאווארוקא-באלוט.

(ג) שוין זייט א לענגערע צייט זוכט די היגע פאליציי דעם בעוואוסטען גנב וואלארסלאוו ווילווער, וועלכער ווערט אויך בעשולדיגט אין אויספיהרען א גאנצע ריהע רויב-אנפאלען.

מיט איניגע טעג צוריק האט די היגע געהיים-פאליציי בעקומען א ידיעה אז דער געזוכטער גנב געפינט זיך אין לאדז און וואוינט אויף לעוו-קעלמא גאס № 3 אין באלוט. נעכטען ארום זעקס א זייגער פארנאכט האט א געהיים-אגענט אויף זאווארוקא גאס אין באלוט בעמערקט דעם געזוכטען באנדיט און איהם בעפאהלען שטעהן צו בלייבען. דער לעצטער האט אבער נישט געפאלגט דעם בעפעהל און איז אנטלאפען. דער געהיים-אגענט האט איהם אנגעהויבען נאכצושיסען און איהם שווער פערוואונדעט מיט צוויי קוילען אין רעכטען און מיט איין קויל אין לינקען פוס. א שווער פערוואונדעטער האט ער זיך קוים צוגעשלעפט צום רוג זאווארוקא און פראנטשישקאנער, וואו ער איז אנידערגעפאלען אויף דער ערד. מען האט איהם אין א דראזשקע אבגעפיהרט אין ערשטען אוטשאסטאק, וואו דער ארויסגערופענער דאקטאר פון פאגאטאוויע האט איהם ערטיילט די ערשטע הילף און דערנאך אונטער א שטארקער פאליציי-וואך אבגעפיהרט אין אלעקסאנדער-שפיטאל.

די שיסעריי האט אויף זאווארוקא און די ארומיגע גאסען ארויסגערופען א גרויסע פאניק.

פון ווארשא.

(דורכ'ן טעלעפאן.)

צום ביספינג-פראצעס.

נעכטען האט אין דער צווייטער אבטיילונג פונ'ם אקרושנאי סוד געזאלט פובליקירט ווערען אין א ענדגילטיגער פארם דער פסק-דין אויפ'ן בעראן ביספינג. צוליעב פארמעלע סבות האט דאס היינט נים געקאנט פארקומען.

די מאטיווען פונ'ם אורטייל וועלען פערעפענטליכט ווערען דעם קומענדיגען דינסטאג.

די פראווינץ.

(פון אונזערע קארעספאנדענטען).

שלום עליכם אין טשענסטאכאוו.

ט ש ע נ ס ט א כ א װ.

היינט, מיטוואך, וועט דער בעריהמטער יודישער פאלקס-דיכטער שלום עליכם קומען קיין טשענסטאכאו, וואו ער וועט ארויסטרעטען אויף אנ'אווענד, וואס ווערט לכבוד איהם איינגעארדנעט. נאכ'ן אווענד ארדענט איין דער פעראיין „לירא" א גרויסארטיגען באנקעט. מען גרייט זיך אויך אין שטאדט צו א פייערליכען קבלת פנים.

ב ע נ ד י ן.

א מסירה אויף די רבנים-וואהלען.

דעם זעלבען טאג, וואס די רבנים-וואהלען האבען זיך געענדיגט און עס איז מיט א גרויסער מערהייט אויסגעקליבען געווארען ר' יקותיאל זלמן גראהבארד, איז אוועק צום פעטריקאווער גובערנאטאר א טעלעגראפישע מסירה געגען די רבנים-וואהלען... דער „קאמפף" האט זיך, אלזא, נאך נישט געענדיגט.

ש. פ.

ב ע ל כ א ט א װ.

א יודישע ביבליאטעק.

דא איז נישט לאנג לעגאליזירט געווארען א יודישע ביבליאטעק, וועלכע וועט שוין די טעג געעפענט ווערען. מען דארף ערווארטען, אז די ארטיגע יוגענד וועט זיך בעציהען מיט'ן געהעריגען אינטערעס צו דער איינציגער קולטורעלער אנשטאלט בײ אונז אין שטעדטיל.

S. F.

ז ד ו נ ס ק א-װ א ל י א.

א נייע פעראָרדנונג וועגען אויסלענדישע פעסער.

ביז יעצט ווען א היגער סוחר פלעגט וועלען פאהרען מיט א אויסלענדישען פאס, האט ער איינגעשיקט אין דער קאלישער גובערנסקע

קליינינקייטען.

„היטער" פון געזעץ.

שטעהט זיך אנ'ארימע יודענע אויף נאטאמאייסקא גאס מיט א קוישעל קערשען און שרייט:

— קויפט, יודעלעך, ווייבעלעך, בילוג קערשען... קויפט 12 גראשען א פונט! בילוג, קויפט!

זי שרייט בסדר און מיט אויסגעלאשענע האלב אויגען בעגלאצט זי זשעדנע יעדען פארבייגעהער אז זי וואלט זיך בעטען:

— קויפט זשע, האט רחמנות אויף אנ'ארימע יודענע... און דער היים 5 פיצילעך קונדערלעך... א קראנקען מאן... האט רחמנות קויפט...

און דער עולם געהט פארביי און זעלטען ווער פון די פערייאגטע און פערהאוועטע פארבייגעהער שטעלען זיך אב בײ דער יודענע און קויפען א פונט, אדער א האלב פונט קערשלעך...

און אט האט זיך אייגער אבגעשטעלט, א לאנגבעקנער חסידישער יוד, האט א הויבש געוועלב אויף דער זעלבער גאס, און צוגעגאנגען צו דער קערשען-יודענע און אויף זיך א זאג געטהאן:

— גיט מור א פונט קערשלעך...

מיט צטערדיגע הענד פרייד צוליעב'ן פדיון האט די יודענע שנעל געכאפט, אבגעוואויגען א פונט קערשלעך און דערלאנגט דעם קונה.

דער חשוב'ער חסידישער יוד גענומט און האנד ארײן דאס טוטעל קערשלעך, ווענט עס אב און דער האנד ווו א מבין, ווו א מומחה און אנשטאט צו בעצאהלען דערלאנגט ער א געשריי:

— וואס, א פאלשע וואג וועט אוהר מור געבען?! איך וועל אייך און קרומונאל ארײנזעצען... איך...

די יודענע קוקט אויף איהם מיט צושראקענע אויגען און הויבט זיך אן בעטען:

— פאניע לעבען... איך האב אייך קײן פאלשע וואג נישט געגעבען... איך זאל אזוי ריין זיין פון צער... איך זאל אזוי מיינע קונדער דערזעהן געזונטערהייד, ווו איך האב אייך קײן פאלשע וואג נישט געגעבען...

— דו עזות'נוצע—איז ער שוין אריבער אויף דו—דו וועסט מיר געבען א פאלשע וואג... סטראזשניק! ארעסטירט זי! זי גיט א פאלשע וואג!...

דער סטראזשניק איז צוגעקומען... די יודענע האט זיך צעוויינט. א רעדעל מענשען האט זיך ארומגעשטעלט. מען האט גענומען בעטען דעם יוד, אז ער זאל די יודענע נישט לאזען אבפיהרען אין ערשטען אוטשאסטאק אריין...

ער איז אבער געבליבען בײ דעם זיינעם און געשריגען:

— וואס, א פאלשע וואג געבען! איך וועל אייך ווייזען...

— האט א רחמנות אויף אנ'ארימע יודענע—האבען זיך איינוגע פון עולם געבעטען.

— סטראזשניק, בעזויכט אויך איהרע קערשענעס—איז געוועזען זיין ענטפער.

דער סטראזשניק האט זי בעזויכט, אויסגענומען איהרע געוויכטער און דאן גענומען אבפיהרען אין אוטשאסטאק...

די יודענע האט געוויינט, געשריגען... דער גאנצער עולם איז אויפגערעגט געווען...

און דער „היטער" פון געזעץ איז געשטאנען און זיך געפאטשט בײם בײכעל:

— איך וועל אוהר ווייזען געבען א פאלשע וואג...

פלוני.

* * *

לאדזער רויזען.

לופט איז א טייערע זאך.

פעהלט עס אבער אין לאדז.

טוטשעט מען זיך א גאנצע וואך און מ'האפט אויף שבת...

שבת איז א מחיה, ווייל מ'קאן נעהמען שעפען לופט אין קאנסטאנטינער וואלד.

מיט בלויז לופט קאן מען אבער נישט לעבען; מ'דארף דאך עסען.

האט דער וואלד-גאיאווע אונז מיט דעם אויך פערזארגט, געמאכט בײ זיך און גארטענדעל א „רעסטאראנד'ל" און מ'קריגט דארט „שאדלע", ברויט מיט פוטער א.אז.וו.

האט דעם שבת א יודישע פרימלון, זיצענדיג בײ'ם „שאדלע", דערזעהן אין גארטען א רויז. האט זי זיך די רויז אבגעריסען אלס צוגאב צו דער „שאדלע".

דאס האט דעם „גאיאווע'ס" פרוי פערדראסען און זי האט געפאדערט פון דער פרימלון:

— א רובל!...

רויזען זענען טאקי זעהר שען און שמעקען, אבער פאר א לאדזער רויז—א רובל?!

האט דאס פרימלון נישט געוואלט בעשטעהן אויף דעם מקח. דא האט זיך די גויה צעלאזט אויפ'ן קול און אויסגעגאסען א גאנצען „עכט-פוילישען" לעקסיקאן, וואס איז פערפאסט ספעציעל פאר יודען:

— פארשיווע זשידזי! פושעקליענטא כאלאטא! א. אז. וו.

אויב א לאדזער רויז, אנגעוואפט מיט רויך, איז ווערט א רובל, איז דער רייכער זידעל-לעקסיקאן זיכער עס ווערט...

בן-אבי.

Lodzer Tageblatt № 147 לאָדזער טאַגעבלאַט

גרויסעם טעאַטער דיר. י. זאנדבערג.

היינט מיטוואָך גאסטראָל דעם בעקאנטען דראמאטישען שוישפּילער

מר. מאררים וואקסמאן

ווי אויך מיט'ן אנטייל פון די בעסטע קרעפטע פון אונזער בעוואוסטען אנסאמבעל ווערט געשפ.
די שוין לאנג ניט געשפּילטע גרויסע קאמישע אפערעטע פון יאזעף לאטיינער

דוד'ס פידעלע

הויפטראָלען: דוד—מר. מאררים וואקסמאן
טייבעלע—מ' ווייגבערג ; הוה—מ' דאלסקאיא ; קיילע ביילע—מ' מיכאלעסקא ; מוכיה—ה' לאנדוי ; נח שכור—ה' מיכאלעסקא ; יענקעלע—ה' לעבעדיעוו ; איצעלע בעבזאק—ה' חאראז ; סאלאמאן—ה' זילבערבערג ; אלטערניא—ה' לעדערמאן ; ר' זיססע—ה' חענדראָוויק און אנדערע.

אנאָנס ! די טאג ווערט אויפגעפיהרט צום ערשטען מאל די גרויסע קאמישע אויסשטאטונגס-אפערעטע פון י. זאלאטארעווסקי

די שבועה אדער די יודישע ראמא און יוליא.

אויספיהרליכעס אין „לאדזער טאגעבלאט".

עפשטיין—ראָמני, גרינאק—קאליש, פאריצקי—מאריופאל, שאפמאן—יעקאטערינאסלאוו, אפטע און יאקאפי—ווארשא, כאלאדושעוו—ארמאווויר, קויפמאן—לאָטין, נעערמאן—קישיניעוו, סימניקאָוו—אלעקסאנדריא.

האָטעל „פאסאוש".

עפשטיין—מינטק-סלוצק, זילבערפארב — ראָוונא, שלופבאנד—ווארשא, קלייטאן—באלטא, גאָלדבלאט—קאָוונא, מראָיטשאגסקי—מינסק-סלוצק, שטערן—באלטא.

האָטעל „צענטראל".

וושאלאגדוש—טשעלאנאוו, מייזליש—ראָוונא, מלאדאָווסקי און קאלפאקאוו — ניקאלאיעוו, שווארצמאן—בערדיטשעוו, ניקאָוו—אדעס, טולאיעוו — וולאדיקאווקאז, פראנט—קאליש, גאלדמאן—ווארשא, אלטמאן—לענטשיץ.

האָטעל „מאנטייפעל".

קאפלאן—נאוואטשערקאסק, מיעשטשאנינאוו און געבורידער קאהן—וויטעבסק, פארט—ריגא, ווארשאווסקי—ראָמני, האלפערין — יוזאָווקא, 5נ5לאוויטש—לגאנסק, רייגעם—ווילנא, זעלדאָוויטש—אדעס.

רעדאַקטאָר: י. אונגער.
ארויסגעבער: (ע. האמבורסקי. (א. טענענבוים.

האלפערין—קישיניעוו, וואָזניצקי — וואָראַ אדאלף—לובלין, פראקע—האאג.

האָטעל „סאוואי".

וואיטקעוויטש, זעמיאנעק, גאָלדשטייב, סטערקאָווסקי, קאָטער, גאָלדמאן און עקערקאנט—ווארשא, קאָוואדלא—פלאצק, יאקובאוויטש—טאמאשאוו, באיאנאָווסקי—קאָטלינו, קאלאגאָווסקי און אוטיעוואָסקי—פעטערבורג, סטאנקאָווסקי—פיאָטרקאָוויטץ, באלואם—מינסק, קאלעגאָרסקי, ליגשיץ, גארשטיין און ביעלאָצערקאָווסקי—כערסאָן, גרינבערג—אדעס, כאווין—יעקאטערינאסלאוו, ראַדע — בראָמבערג, צעדניק—קישיניעוו, שטיפטער—חאַרקאָוו.

האָטעל „פאלאסט".

גערשינסקאיא—טאסניצא, פעבקראנץ, ווייסבאום און הערמאן—ווארשא, טוקמאנקין און שטערבאטאָוו—מאסקווא, מאלקאָוו און קאסטאָוויטש—מינסק, טאָמקעוויטש—טאָווזעוויטש, ראָים—טאמאשאוו, הירשקאהן — וויטעבסק, פרענקעל און בורמענקאָ—בערדיטשעוו, מטרלביין—קרעמענטשוג.

האָטעל „בריסטאָל".

רוזענסקי און רעזניטש—ווארשא, לוריע און גאָרענשטיין—קיעוו, שראמבאם און כאלפין—קישיניעוו, אסשאָקאָווסקי—אדעס, קאמעניעצקי און בזוין—ווארשא, שטשערבאקאָוו—קיעוו.

— לויט פעראָרדנונג פון דער שעראַדזער קאמיסיע מוז דער היעיגער בירגער ה' ארלעט אראָפּבראַכען זיין הויז, וועלכעס געפינט זיך אויף דער שעראַדזער גאס, ווייל דאס הויז שטעהט ארויסגערוקט אויף דעם טראָטואַר, וואס געהערט צו דער רעגירונג. דאס הויז שטעהט שוין 40 יאהר.

— מאָנטאג וועט אין דער שעראַדזער אויעזדנע אופראַוולעניע פאָרקומען צום 5 מאהל די ליציטאציע אויף דער היעיגער מקוה אויף די יאהרען 1914, 1915 און 1916 די ליציטאציע וועט זיך אנהויבען פון 1252 רובל.

זאב.

אנגעקומענע סוחרים.

האָטעל „גראַנד".

טעלטשער—יאגענדאָרף, קאסקאָווסקי, מיקטין, ליכטענפעלד און קראקאָווסקי—ווארשא, מיליער—ריגא, קינדען און באגאראָוו—מאסקווא, הייטאן און פלאטאָוו—אדעס, מאמעליאק און לאנדוי—וואזירעציע, קאזירעוו—יעקאטערינאסלאוו, הלאזדעק—ברעסלאוי, וואלאָווסקי—קיעוו, ציימלין—האָמעל.

האָטעל „וויקטאָריא".

רעבעלסקי—ליטשני, ברושעזאָווסקי—זאקאפאוע, ליבראך—לענטשיץ, נעפער—גמינשוס.

פערהאַנדלונג א דעקלאראציע מיט א בעשטעטיגונג פון דער היעיגער פאליציי-אישער מאכט און ביינעלעגט זיין סוחרישע גילדע פלעגט ער אין א קורצע צייט בעקומען אהנע שוועריגקייטען דעם פאס. די לעצטע צייט ווערען אבער דא געמאכט גרויסע שוועריגקייטען ביי'ם ארויסגעבען אנ'אויסלענדישען פאס. אויסער דעם וואס מען דארף צושטעלען אלע דאקומענטען, וואס זענען נויטיג ביי'ם בעקומען א פאס, פאָדערט דער קאליש'ער גובערנאטאָר פון היעיגען פאליציימייסטער, אז ער זאל איהם צושטעלען ידיעות מיט וואס יעדער פערנעהמט זיך, וויפיעל ארבייטער ער האט, וויפיעל אומזאץ ער מאכט אין א יאהר א. ז. וו. מען קאן זיך לייכט פארשטעלען ביי אזעלכע בעדינגונגען ווי שווער ס'קומט איצט אן צו בעקומען א אויסלענדישען פאס.

— דער היעיגער מיראַוואי סוד, וועלכער האט זיך ביז יעצט געפונען אויף דער בעלוועדערסקא גאס איז איבערגעטראגען געוואָרען אויף דער ולאטניצקע גאס אין הויז פון ה' ציווינסקי.

— דער היעיגער נאדזיראטעל פון דער אקציזע פערוואלטונג ה' קאניעצקא איז ארויסגעפאהרען אויף 6 וואכען אורלויב. זיין ארט פערנעהמט דער קאָנטראָליער פון אקציז ה' סקריאבין.

נור היינט!
ווער ס'דארף געלד
קאן גלייך קומען פערקויפען זיינע פאליסען, זאגאר אויפגעהערטע צו צאהלען, מ'צאהלט אויך אוים פע...
130 ליגע פאליסען.
ווידזעווסקא 30 וו. 4
פון 9 ביז 1 און פון 4 ביז 6.

בעקאנטמאכונג.
אין ווידזעווסקא גאס 33 שעכט מען עופות יעדען טאג. 121

ביז'ן 14-טען יולי א פאלשטענדיגער
אויספערקויף
פון גאלאנטעריע
אין שפיעלווארען
ביז 25% ראבאט-ערמעסיגונג.
ר. ניכט 122
108 פעטריקויער 108

Іосекъ Сруль Гершковъ Люблинеръ потерялъ свой паспортъ, выдан. гор. Желиховъ, Сѣдлецкой губ. Отдать въ полицію. 118 1

Абрамъ Ицковъ Мошковъ Жултый потерялъ свой паспортъ, выд. гм. Гожджикова, пос. Гельневъ, Рад. губ. Отдать въ полицію. 119 1

א פאבריקס-לאקאל
מיט א ראזורשעניע נעאייגנעט צו שטרימפ- א. ז. וו. מיט עלעקטרישען בעטריעב פער זאפארט איבערצוגעבען. צו ערפאהרען זאוואדזקא 25 אין שטרימפ-לאדען. 8 2 108

3 צימער און קיכע
זאָווי 2 צימער און קיכע מיט בעקוועמליכקייטען, קאן אויך 6 צימער זיין, זאָפארט צו פערמיעטען. זאָווי א געשעפטס-לאקאל פון 2 צימער פעטער פעטריקויער 9 ביים ווירט. 8 2 5818

שעכטעל-מאכערינס
אונד באנדעראליסטקעס, ווי אויך לערן-מעדלעך באלד געצאהלט ווערט זאפארט געזוכט אין די גילזען-פאבריק פון לענגא נאווראט № 34. 8 3 076

א בוי-פלאץ
פיר פאבריק און וואָהנהייזער מיט אבפלוס און פאמיליען-הייזער פאר ארבייטער-וואָהנונגען אם פלאץ איז בילינ צו פערקויפען. צו ערפאהרען ביי ע. זאָנענבערג פאַנסקא 1 אים לאדען. 8 1 128

א יונגע
פון אנשטענדיגע עלטערן ווערט געברויכט אין דער פלוש עט פארטיערען-געשעפט פעטריקויער 16 ביי סמאזאנאָוויטש. 129

א ניינע שאכטעלמאכער-יונגלעך ווערען געזוכט ביי ש. קאפלאָוויטש ציגעל. שטר. 57. 1 126

נייע מעבעל
זעהר וועניג געניצט, שלאף- און שפייז-צימער זאָווי קיכע צו פערקויפען אלגינסקא 9 ביי וויטקין אנצוזעהען פון 7 ביז 8 אבענדס. 8 1 127

21 181 צו פערמיעטען
פון יולי א לאדען מיט וואָהנונגען שרעדניא 15 וואו עס געפינט זיך איצט א מעבעל-מאגאזין, און א טישלער-פראצאווניע.

צו פערמיעטען 1 לאדען מיט 1 צימער אויך 2 צימער עט קיכע פון 1/14 יולי זאוואדזקא 27. צו ערפאהרען ביים ווירט ב. סקאסאָווסקי נאוואמיעיסקא 30. 2 1 133

Шляма Израелевъ Свентовичъ потерялъ свой паспортъ, выдан. маг. гор. Згержа Лодзинскаго уѣзда. Отдать въ полицію. 107

אנאנסען
פאר'ן „לאדזער טאגעבלאט" נעהמט אן
אין ברזשעזין
אונזער פערטרעטער ה' א. שאפמאן

די ערשטע
הייל-אנשטאלט-
אמבולאטאריום
פיר קאמענדע קראנקע.
פעטריקויער 45 טעלעפאן 30-13
דר. ק. בלום, נאז-, אויערן- אונד האלז-קראנקה. מאנט., דינסט., מיטוו., דאָנערשטאג. פון 1—2, פרייטאג, שבת, זונט. פון 9—10 פריה.
דר. י. ליפשיץ, קינדער-קראנקהייטען פון 1—2.
דר. מ. קאנטאר, חירורג-קראנקהייטען פון 2—3 און 7—8.
דר. מ. פאפיערני, פרויען-קראנקהייטען פון 3—4.
דר. ב. דאנכין, אויגען-קראנקהייטען נעהמט אן טעגליך פון 9—10 פריה.
דר. י. שווארצוואסער, אינערליכע און נערווען פון 10—11 אונד $4\frac{1}{2}$—$5\frac{1}{2}$.
דר. ל. פריבולסקי, הויט אונד וועגערישע קראנקהייטען זונט. דינסט. דאָנערשט. אונד פרייטאג פון $1\frac{1}{2}$—$2\frac{1}{2}$. מאנטאג, מיטוואָך און שבת פון 8—9.
דר. שומאכער הויט און געשלעכטס-קראנקהייטען, מאָנטאג, מיטוואָך און שבת פון $1\frac{1}{2}$—$2\frac{1}{2}$. דינסטאג, דאָנערשטאג און פרייטאג פון $8\frac{1}{2}$—$9\frac{1}{2}$ אבענדס זונטאג פון 2—3.
בלוט, אורין-אנאליזען, פאָקען זעצען, אינהאלאציאָן נאך סיסטעם פראפעסאר קראסטען.
פיר אונבעמיטעלטע בעראטונג 50 קאפ.

Dr. L. PRYBULSKI
ד"ר ל. פריבולסקי
פאלודניאווא 2. טעל. 13-59.
ספעציאל-ארצט פיר הויט, וועגערישע און האאר-קראנקהייטען עט מענער-שוועכע, אויך קאסמעטישע פלעגע. בעהאנדלונג פון סיפילים נאך עהרליך האטא 606-914 אהנע בערופס שטערונג. היילונג מיט עלעקטריזיטעט אונד וויבראציאָנס-מאסאזש. בעהאנדלונג הויט און האאר-קראנקהייטען מיט קינסטליכער העהענזאָנע (קווארצלאמפען). שפרעכשטונדען פון 9—1 אונד 4—9. פיר דאמען 5—6 בעזונדער ווארטעצימער.

Dr. P. Grossman
דר. פ. גראסמאן
אינערע און קינדער - קראנקהייטען
פעטריקויער 15, טעל. 21-88
שפרעכשט. 9—10 פריה און 5—7 נאכם. 4241

ד"ר זילבערשטראם
Dr. J. Silberstrom
ארדינ. אים אמבולאט. פון וויטען-קרויז
13 זאוואדזקא 13
הויט געשלעכטס אונד וועגערישע קראנקהייטען. (בעהאנדלונג מיט עהרליך-האטא 606—914) ערצטליכע קאסמעטיק. (ענטפערנונג לעסטיגער הארע, פלעקען א. ז. וו. 12—$2\frac{1}{2}$, 5—8 זונטאגס 11—4

Dr. A. Grosglik
רענטגען און ליכט-הייל-אינסטיטוט.
זאכאדניא 68 טעל. 16-35.
הויט, האאר, וועגערישע און הארן-ארגאן קראנקהייטען. בלוט-אונטערזוכונג בע סיפילים. בעהאנדלונג מיט רענטגענשטראהלען, קווארץ ליכט און האכפרעקווענץ (דארסאנוואליזאציאן). שפרעכשטונדען פון $8\frac{1}{2}$—$11\frac{1}{2}$ און פון 6—8. פיר דאמען 5—6.

ד"ר טראכטענהערץ
Dr. Trachtenherz
זאוואדזקא 6. טעל. 84-76
געוו. אסיסטענט דער פעטערסבורגער ספעציעלען שטאדט שפיטעלע.
ספעציאל-ארצט פיר סיפילים הויט וועגערישע קראנקהייטען אונד מענערשוועכע. בעהאנדלונג נאך עהרליך האטא 606—914 היילונג מיט עלעקטריזיטעט. שפרעכשטונדען פון 8—2 און 6—9 דאמען פון 4 ביז 5. בעזאנדערע ווארטע-צימער. 1468

Dr. med. Leyberg
קרוטקא 5 טעל. 26-50
ספעציאליסט פיר הויט, וועגערישע און געשלעכטס - קראנקהייטען. עמפפאנגט פון 1—10 און פון 6—8 נאכמיטאג. פרויען פון 5—6. (פיר פרויען א בעזונדער ווארטע-צימער). 5050

פון אויסלאנד צוריקגעקעהרט
דר. לטווקאוויטש
הויט וועגערישע פלוזיג-לערען אונד מענער שוועכע. ביי סיפילים 606—914 טריפער - היילונג אהן שפריצוואניעס (לויט א נייע מעטהאדע) קאנסטאנטינער שטר. 12 נעבען וועלינס טעאטער. שפרעכשטונדען פון 9—1 אונד פון 6—8 נאכט. דאמען פון 5—6.

ווער
עס וויל געפינען א פאסטען אדער בעקומען טיכטיגע ארבייטס-פעהיגע פאך-מענשען פון ביידער געשלעכטס (פון אלע האנדעלס-צווייגען), דער זאל זיך ווענדען נור צו דער
אקציען-געזעלשאפט
„דזיאלאטש" „DZIAŁACZ"
Ksawery Biernacki i S-ka
וועלכעס איז א קאמוניקאציאנס-רעקאמענדאציאנס-ביורא 1-טען ראנגעס, בעשטעטיגט פון מיניסטעריום און קאָנצעסיאָנירט מיט א האלבען מיליאן רובל.
ווארשוי, מארשאלקאווסקא 68 עק סאדאווע טעל. 280-42
די ה"ה ארבייטס-געבער צאהלען
קיין שום פערמיטלונגס-קאסטען.
אויסער דעם ערלעדיגען מיר אלע טראנזאקציעס, וועלכע געהען אריין אין אקערבוי-האנדעל און אינדוסטריע.
Biuro Ksawerego Biernackiego i S-ka.
6785 20 4

פאטענטען
ד. נויהויז, פעטריקויער 92,
פיר ערפינדונגען, מארקען און שוץ-מארקען פאר אלע לענדער ווערען שנעל געמאכט. שטרענגסטע דיסקרעציאָן. אויסקינפטע ראטען ערטיילט טעגליך פון 3 ביז 4 נ. מ.
№ 13-36 וו. 9. טעל.
5816 8 2

ל. ווייגבערג
ליג דלוגא 77
עמפפאנגט נור פון 5 ביז 8 נאכמיטאג. 5006 17
אדוואקאט
א. א. אויך מוליטערואפען און אלער ארט שתדלנות און אלע רעגירונגס-אנשטאלטען.
פון 1/14 יולי נאוואמיעסקא № 5

קאפשמערצען, מיגרענע
רעוומאטיזם און ערטעטיזם טהוט גרינדליך בעזייטיגען
„מיגרענא-נערוואזין"—"Migreno-Nervosin"
צו בעקומען אין אלע אפטייקען און אפטייק-מאגאזינען, א פראשעק 10 קאפ. דער ארט געברויכען: ארויפשיטען דעם פראשעק אויף דער צונג און נאכטרינקען וואסער מיט צוקער.
אריגינעלער „מיגרענא-נערוואזין" איז אייביג מיט דער מארקע א „האן" "Kogut", אבער קיינמאל ניט אין אפלאטקעס. 5166 60

וואהנונגען צו פערמיעטען 042 5
אין פראנטהויז מאגיסטראצקא 8, 2, 8, צימער און קיכע מיט אלע בעקוועמליכקייטען. לופטיגע געגענד, געגענאיבער דער יודישער גימנאזיע.

היילאנשטאלט פיר הויט- אונד וועגערישע קראנקהייטען
ד"ר ל. פאלכ, ז. גאליץ א. סט. יעלניצקי
וואָלטשאנסקא 36, טעלעפאן 14-81.
אויפנאהמע שטאציאנערער קראנקער (אין איזאלירטען אונד אלגעמיינען קראנקען-צימערן). — טעגליך אמבולאטאָרישער עמפפאנג אונבעמיטעלטער פאציענטען. קאנסולטאציאן 60 קאפ. 737
רענטגען-, ליכט- אונד עלעקטריזיטעטס-קורען.
בלוט-אונטערזוכונג ביי סיפילים. עלעקטרישע גלוהליכט-בעדער.
שפרעכשטונדען דער אמבולאנץ: וואכענטאגס פון 8 ביז 9 אוהר פריה, 12 ביז האלב 2 אוהר מיטאגס און $7\frac{1}{2}$ ביז $8\frac{1}{2}$ אוהר אבענדס. — זאן- און פייערטאגען: פון 8 ביז 10 אוהר פריה און 12 ביז האלב 2 אוהר נאכמיטאגס.

קאנצערט-גארטען
„מאנטייפעל"
טעגליך קאנצערט
פון ווארשויער סימפאָנישען ארקעסטער אונטער לייטונג פון ה' בראָניסלאוו שולץ. פראָגראמען פון ווארשויער מוזיק. געזעל. אנפאנג האלב 9. אם זאן- און פייערטאגען 8 אוהר. ענטרעע 50 קאפ. שילער 20 ק. סימפאָניע-קאָנצערט 75 ק., שילער 30 ק. אבאָנעמענטען 4.80.

לערן-יונגע
געגען באלדיגע צאהלונג קענען זיך מעלדען אין די שטרימפ-דרוקערייע מעלנא 6 וראָצלאווסקי. 8 2 085

ווערט געזוכט א יונגערמאן, וועלכער פערשטעהט די פאלנישע שפראכע אין מיין בוכהאנדלונג ווי אויך אלס ריזענדער, מיט גוטער בעלאהנונג, פארצוג האָבען אזעלכע, וועלכע האבען שוין אין א בוכהאנדלונג געארבייטעט. אפערטען:
Księgarnia popularna w Warszawie Święto Krzyska 42. 101 3 2

פאננעס צו גוטע ווייסע וועש-נעהען ווי אויך לעהר-מעדלעך ווערען געזוכט ביי אטעלספערג, שרעדניא 1, וו. 51. 120

ווער עס וויל אויסקורירען זיין מאגען, בעקומט ביי מיר געשמאקע
היגיענישע פריוואט-מיטאגע
Вcходняя 70, кв. 32 J. P. 127 5

Лая Монета потеряла свой паспортъ, выдан. Войтомъ гм. Кжойвъ, Кѣл. губ. Отдать въ полицію. 095 3 2

צוליעב אבריזע
פערקויף איך מעבעל בעשטעהענדע אוים: שראנק, בופעט, טאמאמאן, בעטען, טיש, שטוהל, א. ז. וו. נאָוואצעגעלניאנע 12 וו. 11 פון 8—10 פריה און פון 3—5 נאכט. 098 3 2

אומצוגסהאלבער
זענען פערשידענע גאז-לאמפען אוים 5 צימערן בילינ צו פערקויפען, צו בעזיכטיגען פון 12 ביז 3, אגרודשעוא שטר. 18 וואָהנ. 12. 7099 8 2

איין שעהן גרוים צימער
צו פערמיעטען, צעגעלניאנע שטראסע 57 צו ערפאהרען ביי בארנשטיין. 125 1

25 פראצענט בילינער
א אויספערקויף פון מעבעל זאכאדניא 23. 8 2 84

Dr. L. Klatschkin
ד"ר ל. קלאטשקין
קאנסטאנטינער 11.
ספעציאל-ארצט פיר הויט און וועגערישע קראנקהייטען. שפרעכשטונדען פון 9 ביז 1 און פון 6 ביז 8 אבענד. פיר דאמען בעזונדערעס ווארטע-צימער פון 5 ביז 6 נאכט. 15267

צו וואס
זאלט איהר זיין פערצווייפעלט?
נערוועז, אבגעמאטערט און שלעפעריג?
ווען ס'איז פארהאן אזא שטערקונגס-מיטעל, ווי סאנאטאגען-באוער, די אויסגעצייכענטע ווירקונג פון וועלכען איז בעשטעטיגט פון איבער 20000 דאקטוירים און פראפעסארען. 5819
סאנאטאגען-באוער
פערגרעסערט די ענערגיע, שטארקט די נערווען, רופט ארויס נייע כוחות צום לעבענס-קאמפף.
די נישט צופעלליגע נוצען פון סאנאטאגען-באוער בעשטעטיגען זיך נאך מעהר דורך דעם, וואס אויף דעם אינטערנאציאנאלען דאקטוירים-קאנגרעס אין לאנדאן אין יאהר 1913 האט, פון אלע אויסגעשטעלטע קרעפטיגונגס-פרעפאראטען, סאנאטאגען-באוער בעקומען די גרעסטע נאגראדע „גראנד-פריז".
פרובירט אויף זיך די וואהלטועדע ווירקונג פון סאנאטאגען באוער און שאצט אב זיינע רעזולטאטען. היט אייך אבער פון קויפען אונווירדיגע נאכמאכונגען. דאס לעבען איז צו טייער, דעריבער דארף מען דערמיט זעהר פארזיכטיג זיך בעגעהען.
שיקט צו, שטיצענדיג זיך אויף דער צייטונג, א פאסטקארטעל מיט אייער אדרעס אויף דער פירמא:
Фонъ Вюльфингъ и Ко., Москва, Кривоколенный пер. 14 В.
און איהר וועט גלייך ערהאלטען א זעהר אינטערעסאנטע און פאפולערע בעשרייבונג פון סאנאטאגען-באוער'ס ווירקונג און זיין פערווענדונג אין פערשידענע קראנקהייטען.
סאנאטאגען-באוער איז צו בעקומען אין אלע אפטייקען און אפטייק-סקלאדען.
ביים קויפען ווערט געבעטען אכטונג צו געבען אויף די רויטע בענדעראל.

נאך לאנגע שווערע ליידען איז מיטוואָך ד. 1/7 געשטארבען אין בערלין מיין איניגסטגעליעבטע פרוי, אונזערע טייערע מוטער

סאלא פעשע קארפאווסקא
(געבוירענע כרינסקא)
אין עלטער פון 42 יאהר

דאפאן אלע פערוואנדטע פריינד און בעקאנטע אין טרויער מיטגעטיילט

די טיעפבעטריעבטע פאמיליע.

וויכטיג פאר אלע!!!
ס'איז שוין לאנג בעוויזען געוואָרען, אז די אלע ביז-איצטיגע מיטלען אויף צו פערטיליגען מאלען זענען גאָרנישט ווערט, דען סרוב הערען די מיטלען באלד אויסגעזוועפט און די מאלען האפען זיך ווייטער ארום אין די מלבושים, פעלצען, וועש, פוטערוואַרג, סחורות א. ז. וו. און מאלען פון יום ביז א חל עולם. כדי אבער דאס צו פערהיטען, איז איצט ערפונדען געוואָרען פון א גרויסען דייטשען חעמיקער
א נייע מיטעל געגען מאלען
וועלכער שטייגט איבער אלע ביז איצטיגע מיטלען, אונטער'ן נאמען:
„גראבאל"
דאס דאזיגע מיטעל איז זעהר פראקטיש, אז אין דער קירצער צייט וואס עס עקזיסטירט, איז עס שוין איינגעפיהרט אין אלע גרעסטע פעלץ-געשעפטען, מאנופאקטור-לאגערס, שניידער-געשעפטען, פריוואט-הייזער א. ז. וו. די פראקטישקייט פון דעם מיטעל בעשטעהט אין דעם, וואס מען ברויכט עס ניט צו שיטען אדער צו גיעסען, נור מען הענגט אויף דעם שאכטעל אין לאגער אדער אין שאנק און קיין שום מאל וועט זיך מעהר ניט בעווייזען.
„גראבאל" שפארט אייך דאס איינפאקען! „גראבאל" פערטיליגט אלע מאלען!
„גראבאל" איז פראקטיש און גוט! „גראבאל" איז די אויסארבייטונג פון דער בעריהמטער חעמישער פאבריק פריץ שולץ יוניאר לייפציג.
„גראבאל" בעקומט מען ביים פערטרעטער:
6782 7
מ. קרעל, לאדז, דזיעלנא 9 טעל. 28-08.

Тип. М. Гамбурскій и Ко. Лодзь, Петр. 16.
Редакторъ: И. Угеръ. Издатели: Э. Гамбурскій, А. Тененбаумъ.